ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# די ספר תורה פון
# עזרא הסופר

אידיש

**796**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# די ספר תורה
# פון עזרא הסופר

א אינטערעסאנטע ערצעהלונג ווי אזוי די הייליגע ספר-תורה איז אריינגעפאלען ביי די הענט פון די חיצונים, און ווי עס איז פון זיי ארויסגעראטעוועט געווארען דורך דעם כח פון בערדיטשובער רב נ״ע.

# פרק א׳

„ר׳ זיסל, מיר פאהרען שוין אין א גוטע שעה?" — הערן זיך פרעהליכע שטימונגען פון די בעלי־עגלות וועלכע ווארטען שוין שעה׳ן, ר׳ זיסל זאל צו זיי ארויסקומען, נאך זיין געזעגענען זיך מיטן רבי׳ן, פאהרנדיג צום וואל־יריד.

„ביין, רבותי, — ענטפערט ער זיי מיט זיין שטענדיגען שמייכל אויפן פנים, — איך פיהל זיך ליידער נישט אזוי גוט און מוז צוריק אהיים פאהרן".

די בעלי־עגלות בלייבן זעהר דערשלאגען.

איידער זיי ווילן איהם אבער אנהויבן עפעס־וואס צו פרעגען, האקט ער איבער זייערע מחשבות, און ביז אייניגע סעקונדען מערקט ער ווי א צופרידענקייט ווערט צוגאסען אויף זייער געזיכט — נאך דעם ווי ער האט יעדערען פון זיי אויסגעשטרעקט א חשוב׳ע מטבע פאר זייער אומזיסטע טרחה.

— „א ליכטיגן גן־עדן און א רפואה שלימה זאלט איהר האבען, פאר אייער גוטע הארץ" — שרייען זיי איהם נאך, זעהנדיג אז ער איילט זיך אין זיין וועג. זייער ערשטוינונג און פרייד פון די נישט געהארוועטע נסיעה, פארגעסט זיי נאכצוקוקען ווי ר׳ זיסל געהט אוועק מיט שנעלע טריט, פערטיפט אין זיינע געדאנקען און א פערזארגטער שמייכל אויף זיינע ליפען, הערנדיג זייער „רפואה שלימה" וואונטש, ווארום ווער נאך ווי ער אליין ווייסט דעם ריכטיגען אמת פון זיין יעצטיגען אהיים פאהרען.

ר׳ זיסל געהט זיך גלייך אין בערדיטשובער חסידי׳שן בית־מדרש, וועלכער טרעפט דארט עטליכע מנינים חסידים פארברענגען ביי „מלוה־מלכא" ביז שפעט אין דער נאכט און יעדערען שטילערהייט

אונטערגעוואָרפען זיין געזעגען־געלט, וועלכע איז שוין געווען א שם־דבר צווישן קהל.

„נו, שלמה'קע, האסט זיך אמאהל אין חלום געקענט פארשטעלען אויף אזא גרינגען טאלער ?״ — רופט זיך אָן בעריל בעל־עגלה צו זיין חבר, פאהרנדיג אהיים.

„א שאד וואס דער „מלאך״ קומט צו אונז באר דריי מאהל דורכען יאהר״ — ענטפערט ער איהם צוריק.

„און איך זאג אייך — מישט זיך אריין דער דריטער — אז צו פאהרן מיט ר׳ זיסל׳ן, אפילו נישט נעמענדיג קיין גראשען, איז אויך א זכיה, וועלכער איך שעץ זיך שטענדיג דערמיט וואס איך נעם א אנטייל אין זיין נסיעה״.

*

ווער איז געווען ר׳ זיסל? ווי קומט ער צום וואל־האנדל און וואס איז זיין פערקער מיט בערדיטשוב?

אין דער גרויסער רוסלאנד, האט אין יענע צייט געהערשט א שרעקליכע ארומקייט ביים באפעלקערונג. קיין מסחר איז כמעט ווי נישט געווען, און דאס ביסעל האנדל וואס איז יא פארגעקומען, האט זיך עס געפיהרט דורך די פריצים, גראפען א. ד. ג. וואס ביי זיי איז געווען כמעט דער גאנצער פארמעגען פון לאנד. און אזוי באך האבען זיי געהאט די שליטה איבער אלעס. ווער רעדט, אויף די פשוט׳ע מאסען ארבייטערס, וועלכע זענען ביי זיי אין די הענט געווען „כחומר ביד היוצר״. עס האט נישט געדארפט טרעפען מער ווי דער ארבייטער, — בעסער געזאגט: זיין שקלאף. — זאל זיך קעגען איהם פערזינדיגען מיט די קלענסטע זאך, און ער איז מער נישט געווען זיכער מיטן לעבען. אדער, אין בעסערען

אופן, איהם פערטרייבען מיט די גאנצע פאמיליע פון זיין „פרנסה״, וועלכע איז בעשטאנען אויף א שטיקל באדען־ערד, א קליין ציגאלע, עטלכע היגער און די שטיקל חרוב׳דיגע בודקע, וועלכע האט יעדער טאג געהאלטעןביים איינפאלען.

אין געוויסע פאלען איז די סכנה פון גירוש געוועזען נאך ערגער ווי טויט־שטראף, בלייבענדיג דאן א נע־ונד, אהן א שטוב, אהן עסין און אהן קליידונג, און אזוי האט ער זיך, מיט דער גאנצער פאמיליע, ארומגעדרעהט אין די גאסען הונגעריג און דארשטאג, נישט זעהנדיג פאר זיך קיין שום רעטונג, אויסער ווי זיך ווידער צו פערשקלאפען ביי א אנדער פריץ, וועלכע איז געוועזען פיעל ערגער ווי דער פריערדיגער, אדער אין בעסטען פאל — האטש אזוי „גוט״ ווי יענער.

דער פריצישער הולטיי־לעבען, האט אויך נישט אין יעדער צייט געקענט זיך פיהרן ווי זייער ווילן. זייערע גרויסע הכנסות האבען נישט געקענט קלעקען אויף דעם סארט לעבענס־פירונג. און ווען עס פלעגט טאקע טרעפען, אז דער פריץ איז אהיים געקומען שפעט ביי נאכט נאך זיין דערלעגען, דורכען קארטען־שפילען, א גרויסער חלק פון זייער פארמעגען — האט שוין דעם פויער קיין סאך נישט געפעלט. ווארום ווער נאך ווי ער איז איינגאנצען שולדיג אין זיין פערלוסט!

צו ביסלעך, אבער, מיט יאהרען שפעטער, האט זיך דער מצב גענומען ענדערען צום גוטען. א גרויסער חלק אידען וועלכע זענען געוועזען פערמוטשעט און צובראכען פון די גירושים און ואנדערונגען, האבען געפרובט בוען זייער היים אינ׳ם וויטען מזרח־רוסלאנד. ביז ענדליך האבען זיי טאקע דארט געמאכט זייער סטאנציע און פאר זיך געפונען אביסל רוה.

די רוסישע מלוכה האט זיי אנפאנג אויך נישט געוואלט דער־לידען, און א געפאר פון גירוש האט אויף זיי ווידער געדראהט. ווען

זיי האבען אבער, דורך א קורצע צייט, איינערקענט אינ'ם אידישען כח און ענערגי, בארעכענענדיג די גוטס און אויפבליהונג וואס וועט דורך זיי ווערען אינ'ם לאנד — האבען זיי זיך גאנץ אנדערש אנגעהויבן בעציהען צום איד.

און זיי האבען דערויף קיינמאהל קיין חרטה נישט געהאט. דורך א גאנץ קורצע תקופה האבען זיי זיך געקענט איבערצייגען אין די וויכטיקייט פון דעם אידישען געפינען זיך אין דער לאנד.

דער איד האט נישט געוואַרט ביז דער „געטרייער פריץ" זאל אויף איהם „רחמנות" האבען און איהם ראטעווען דורך זיין אויפנעמען איהם אלעס ארבייטער ביי איהם, און אזוי נאך זאל ער בעקומען א שטיקעל באדען, מיט די קראנקע ציגעלע וואס ער זאל זיך מיט דער גאנצער פאמיליע דערפון ערנערען. ער האט צו אזא השפלה נישט געקענט זיך דערלויבען — טראץ זיין שטענדיגע געיעג און פלאג, נישט האבענדיג פאר זיך קיין היים.

זיי האבען זיך באלד גענומען צום מסחר. און געוועהנליך, ווי נאר אידען האבען זיך דערצו גענומען, האט דער האנדעל א גאנץ אנדער ערך בעקומען.

איבערהויפט האבען זיך אידען גענומען צום וואל האנדלונג, איינערקענענדיג אין די גוטסקייט פונ'ם רוסישען וואל, וועלכע איז דאן געווען בעוואוסט, איבער דער וועלט, מיט איהר גוטסקייט. און זיי האבען טאקע פאר דער סחורה געפענט די טויערען פון אויסלאנד. עס האט פיעל נישט געדויערט, און די וואל האט פערנומען דעם ערשטען פלאץ אין פיעל מדינות, צוליב איהר גוטע קוואליטייט. די גוטע פאשע וועלכע די שאף האבען געהאט אינ'ם דארטיגען פעטען באדען, האט ארויסגעגעבען איהרע גוטע פירות אויף די וואל. און אזוי, א דאנק אידען, איז דער רוסישער מסחר אויפגעקומען ביז גאר.

אזוי נאך, האבען אידען צו ביסלעך אנגעהויבען צו פירן פאר

זיך א געהעריגען לעבען, און שטערונגען. די פריצים וועלכע האבען דורך זיי געמאכט גוטע מסחרים, האבען געזוכט אלע מעגליכקייטען צו פערגרינגערען דעם אידישען לעבען, אזוי אז ס׳זאהל זיי נישט גלוסטען זיך אוועק צוגיין פון דעם ארט.

געוועהנליך האט דער מצב אויך צוגעבריינגט אז זיי האבען געמוזט פארבעסערען זייער יחס אויך צו די פויערען, וועלכע זענען שטענדיג דאנקבאר געווען דעם איד, וויסנדיג אז נאר צוליב איהם, קען ער אויך „אפ אטעמען״.

און אזוי זענען די דארטיגע אידען געווען א פערנעם וואס מ׳האט זיך מיט זיי געמוזט רעכנען, און דאס האט צוגעבריינגט אז זיי האבען געקענט רוהיג פירען זיך אין רעכט אידיש לעבן בדרכי התורה און מחנך געווען די קינדער על טהרת הקודש.

## פרק ב׳

פון די אלע גרויסע וואל־סוחרים, האט זיך בעצייכנט א סוחר מיטן נאמען ר׳ זיסל וואלנער. ער פלעגט יעדער יאהר ארויס ליפערען סחורה קיין אויסלאנד אין געוואלדיגע קוואנטומס. און דורך דער צייט האט ער זיך גערעכענט אלס איינער פון די גרעסטע גבירים אין לאנד, ווי אויך דער גרעסטער וואל־סוחר ביי אידען.

נישט ווי געוועהנליך ביי אנדערע גבירים אין אזא צושטאנד, איז ר׳ זיסל געווען א גרויסער ירא־שמים. זיין רצון און שקידה אין לערנען איז געווען אומפערשטענדליך. טאג טעגליך, נאך זיין טאג הארעוואניע, פלעגט ער עפעס איבערבייסן און באלד אוועק געלאפען אין שוהל לערנען אן הפסק. עס האט געמעקט דונערען און בליצען — ר׳ זיסל זיצט און לערענט. נישט איינמאהל פלעגט

פאסירען וואס גרויסע סוחרים, פריצים. א. א. וו. זענען צו איהם געקומען אין שוהל ווענען גאר וויכטיגעס. ער האט זיך אבער אויף זיי נישט אומגעקוקט. עס האט איהם אין יענער צייט גאר נישט אינטערעסירט, אויסער די תורה אין וועלכע ער איז דאן געווען פערטיפט.

טאמער האט זיך געטראפען, און מען האט געדארפט טאן א אידען א טובה, א גמילות־חסד — ר׳ זיסל איז דער ערשטער געבער און מיטהעלפער. ער האט נישט גערוהט ביז ער האט געוואוסט אז יענער איז שוין געהאלפען אין זיין נויט. אזוי איז אויך געווען מיט יעדער דבר מצוה: בקור חולים, הכנסת־כלה, חתונה מאכען א ארימע חתן כלה, וועלכער איז דאן געווען דער ערשטער „מחותן״, ווי עס פלעגט זיך אויך ארויסווייזען ביי דער שמחה וואס ער האט געהאט, גלייך ווי ער וואלט חתונה געמאכט זיין א אייגען קינד. זיין שטענדיגע פריילכקייט און ברודערליכען אויפנעמונג צו יעדען ווער עס האט זיך צו איהם געווענדעט — האט זיין גלייכען נישט געהאט ביי קיינעם.

עס איז דערפאר קיין חידוש געווען, דאס זיין נאמען איז געווען געאכט און געשעצט ביי אלעמען, ביז גאר. יעדערער האט אויף איהם געקוקט ווי א „מלאך פון הימל״. זיי האבען זיך געשעצט גליקלעך אז אזא מענטש איז צווישן זיי.

⁂

געוואוינט האט ר׳ זיסל נישט ווייט פון בערדיטשוב. אלעס איבערגעגעבענער און געטרייער חסיד צום בערדיטשוב׳ער רב, פלעגט ער גאנץ האפט בעזוכען דעם רבי׳ן. איבערהויפט פלעגט ער אפהיטען געווייסע דריי מאהל אין יאהר מיט זיין קומען. דאס איז געווען: באלד נאך פסח ; תמוז צייט ; און נאך סוכות, וועלכע זיי

זענען געווען די צייטען פונ׳ם מסחר־וואל. און דאן פלעגט ער פאר זיין ארויספאהרן צום מסחר, אריין צום רבי׳ן, זיך געזעגנט מיט איהם און גענומען זיין ברכה.

ווי שטענדיג, איז ר׳ זיסל אויך אין דעם יאהר, אויף פסח, געקומען צום רבי׳ן, און דארט פארברענגט דעם גאנצען יו״ט. אסרו־חג, איז ער באלד געגאנגען צום רבי׳ן, מיט איהם זיך געזעגענען, פאר זיין אוועק פאהרן וועגען זיין מסחר.

דא האט איהם אבער ערווארט א אום גערעכטע זאך: דער גבאי שטעהטביים טיהר פון רבי׳נס צימער און ערלויבט קיינעם נישט אריינצוגעהן. ר׳ זיסל, אבער, וועלכער איז נישט געוואוינט געווען צו אזעלכע פאלען, מאכט זיך נישט צו טאן, און גייט גלייך צום גבאי ער זאל איהם אריינלאזען.

„ביין, ר׳ זיסל, עס טוהט מיר זעהר לייד, איך קען יעצט צום רבי׳ן נישט צולאזען!״ — רופט זיך אן דער גבאי מיט א ביסל א שטרענגען טאן, חאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז נישט אריינצולאזען ר׳ זיסלען צום רבי׳ן וועט נישט אפגעהן אזוי לייכט.

ר׳ זיסל ווערט אביסיל בעריהרט: „האט דען חלילה עפעס פאסירט, צו דער רבי פיהלט זיך נישט אזוי בקו הבריאות?״

„קיין ביין נישט — ענטפערט דער גבאי — עס האט ב״ה קיין ערנסטע זאך נישט פאסירט הייגט״.

„וואס איז אבער פארט די סיבה וואס מ׳לאזט נישט אריין״ — לאזט ר׳ זיסל נישט אפ.

„איך ווייס אליין אויך נישט. איך האב בעקומען אזא באפעל, און דאס מוז איך פונקטליך אויספיהרן״.

ר׳ זיסל פרובט זיך „דינגען״: דער באפעל מיינט געוויס נישט איהם, וועלכע פאר איהם איז די טיהר שטענדיג אפען. עס העלפט איהם אבער גאנץ ווינציג, דער גבאי ערלויבט איהם

נישט אריינצוגיין צום רבי׳ן, און ער בלייבט זיצן פערטראכט נעבען די טיהר, טאמער וועט זיך פארט טרעפען דער „בס״, און וועט דורכ׳ן רבי׳ן אליין בעקומען די ערלויבעניש.

## פרק ג׳

געווען איז דאן מוצאי שבת. ווי זיין שטייגער, פלעגט דער רבי, יעדער שבת־צו־נאכט, זיך פערשפארען ביי זיך אין צימער, דארט איז ער געזעסען עטליכע שעה פער׳דביקות און פערטיפט אין די געדאנקען. זיין פנים האט דאן געפלאמט ווי א פייער. א פחד פלעגט פאלען אויף דעם וועלכער האט איהם דאמאלט געזעהן. אין דער צייט, פלעגען ביי איהם אין די הייליגע מחשבות דורכלויפען זיינע אלע תלמידים וועלכע האבען זיך דארט אויפן ארט געפונען, ווי אויך די וועלכע זענען דארט אין דער צייט נישט געווען. יעדערער און זיין פערזענליכען צושטאנד, איז אין דער צייט בעטראכט געווארען אין אלע איינזיכטען.

דער מוצאי־שבת, נישט ווי געוועהנליך, וועלכער פלעגט זיך בעווייזען אין פערלויף פון צוויי דריי שעה — איז גאנץ אנדערש געווען. עס גייען אריבער עטליכע שטונדען, און די טיהר ווערט נישט געעפענט. דער קהל אין דרויסען, וועלכער איז ווי שטענדיג געקומען, יעדערער מיט זיין ביטע און פערלאנג, שטעהט אומגעדולדיג. מ׳ווארט, דריי, פיהר און פינעף שעה — אבער אן ערפאלג.

עס ווערט שפעט אין דער נאכט, און מען הויבט זיך אן צוביסליך צוגיין, ביז ענדליך איז שוין קיינער נישט געבליבען, אויסער ר׳ זיסל וועלכער האט נישט געקענט ערלויבען זיך אוועק

צופאהרן פונ׳ם רבי׳ן נישט געזעגענט. ער בלייבט זיצען און ווארט, טאמער וועט זיך דער רבי פארט בעוויזען פאר איהם.

ענדליך האט ער זיך דערוווארט.

זיצנדיג אזוי פער׳דאגה׳ט, דערזעהט ער פלוצלונג דעם רבי׳ן ערשיינען ביי די טיהר מיטן פוהלען פראכט. ר׳ זיסל, און אויך דער גבאי וועלכע זענען בידע אליין געבליבען דארט, זע...., כמעט ווי געפאלען חלשות, זיין פלאמענדיגע צורה אין דער מאמענט, וועלכע זיי האבען נאך אזויגס נישט געזעהן קיינמאהל, האט זיי שטארק דערשראקען.

ער קען פיעל צייט נישט טראכטען, ווארום צו זיינע אויערען דערהערן זיך דעם רבינ׳ס קול, וועלכער ווענדעט זיך צו איהם אליין:

„נו, זיסל, ווי איך פערשטעה איז דיין יעצטיגער קומען אויף צוגעזעגענען זיך — נו, פאהר אהיים לחיים ולשלום און זיי מצליח״.

ר׳ זיסל איז געבליבען ווי פערגליווערט. עס איז שוין ביי איהם אלעס געווען צוגעגרייט וועגען זיין פאהרען אויפן יריד. אפילו די בעלי־עגלות שטעהן שוין שעה׳ן לאנג און ווארטען אויף דער נסיעה, און דא הערט ער גאר אז ער דארף פאהרען אהיים.

ער שטארקט זיך אבער, און רופט זיך אפ מיט א ציטערדיגען שטימונג: „און וואס זאל איך טאן מיט דעם אלעם וואס איך האב שוין צוגעברייט צו דער נסיעה, איבערהויפט די בעלי־עגלות וועלכע ווארטען שוין שעה׳ן לאנג?״

„איך ווייס פון אלעס זעהר גוט — טרייסט איהם דער רבי — עס איז פאר מיר גארנישט פערהוילען וועגען דיין נסיעה. און טאקע דערפאר בין איך איבערצייגט אז דו דארפסט יעצט פאהרען אהיים און נישט צום יריד. איך קען דיר אבער דערביי אויך צוזאגען, אז מיט דייך אהיים פאהרן, וועסטו חלילה קיין שאדען

נישט האבען, אפילו מיט א פרוטה. אדרבה, דו וועסט נאך דערפון פערדינען״.

„און וועגען די אומזיסטע טרחה פון די בעלי עגלות, פערלאז איך זיך אויף דיר. איך פערהאף אז זייער מיה וועט נישט זיין אומזיסט, און וועלן פון דיר בעקומען זייער געהעריגען לוין״.

„און יעצט זיסל — שטרעקט דער רבי איהם אויס די האנט — פאהר אהיים לחיים ולשלום, און מיר וועלען זיך אי״ה בקרוב ווידער זעהן״ — ענדיגט דער רבי זיינע רייד, נישט ווארטנדיג מער אויף קיין ענטפער פון ר׳ זיסל׳ען, און געהט באלד אריין צוריק ביי זיך אין צימער.

ר׳ זיסל בלייבט פערטיפט אין זיינע געדאנקען. דער פלוצלינגער געזעגענען האט איהם זעהר צורודערט. ער זעהט אבער פאר זיך קיין וועג נישט, אויסער אפצופאהרן צוריק אהיים, ווי דער רבי האט איהם געזאגט. ווי פון שלאף כאפט ער זיך אויף און הויבט אן געהן צום ריכטונג וואו די אלע בעלי־עגלות שטעהן און ווארטען איהם.

געהענדיג, הויבט אין איהם אן צו אנקערן א „אפיקורס׳ישע״ מחשבה׳לע: זאל איך זיי יעצט אהיים שיקען? און ווי אזוי וועל איך זיך א עצה געבען מיט אזוי פיעל באשטעלונגען פון די גרויסע סוחרים? וואס פאר א פנים וועל איך ביי זיי האבען, נישט האלטנדיג מיין ווארט? וועלען מיר דען די פריצים שוויגען דערויף? און טאמער וועלען זיי זיך פערבינדען מיט אנדערע סוחרים??

ער כאפט זיך אבער באלד צוריק. ער פיהלט ווי ווייט דער יצר־הרע וויל איהם פערפירען נישט צו פאלגען דעם הייליגען רבי׳ן. עס טוט איהם זעהר וויי וואס ער האט דערלאזט אזעלכע מחשבות זאלען ביי איהם געפינען א ארט. ער לויפט באלד ארויס צו די בעלי־עגלות, זיי מודיע זיין וועגען זיין אהיים פאהרן.

ווי עס ווערט שוין אויבען ערצעהלט, האט ער זיי גוט בעלוינט און האט זיך געגרייט אהיים צו פאהרען.

קומענדיג אהיים, האט מען זיך אין אנהויב זעהר דערשראקען, מיינענדיג, טאמער האט חלילה עפעס פאסירט וואס האט איהם געברענגט צוריק. ווען ער האט אבער זיין פרוי ערצעהלט די סיבה פון זיין קומען, האט זי זיך צו איהם אפגערופען: „זאלסט חלילה נישט זיין פערזארגט און געפאלען ביי זיך. אויב דער רבי האט אזוי געהייסען, דארף עס אזוי זיין. ווער ווייס וואס פאר א גזירה עס האט אויף אונז געשוועבט, וועלכע דורך דעם זענען מיר ניצול געווארען". זיין פרוי, מיט איהר אומבאגרענעצטע אמונה אין צדיקים, האט איהם געטרייסט, תאטש פאר איהם איז עס געווען איבעריג, זייענדיג א מאמין אין׳ם רבי׳נס רייד. עס האט אבער ביי איהם ארויסגערופען גרויס התפעלות, זעהענדיג ווי ווייט עס דערגרייכט ביי איהר די אמונה אין רבי׳ן.

## פרק ד׳

אין די שטאט באלעבא, אין רוסלאנד, האט געוואהנט א איד מיטן נאמען ירוחם. געווען איז ער איין איינציגסטער איד אין דער גאנצע שטאט. וועגען זיין קומען אהין און וואס איהם האט געבראכט דערצו, ער זאל זיך באזעצען אלעס איינציגער איד צווישן אזוי פיל גוים — איז מאמענטאל נישט בעוואוסט. ער האט אויך געהאט דארט זיין פרוי מיט א קליין קינד.

ווי געוועהנליך, האט ער דארט געמאכט גוטע געשעפטען, און איז מיט דער צייט געווארען א אפטער אריינגעהר ביי די גרויסע פריצים אין שטאט. ער האט ביי זיי זעהר נושא־חן געווען

און זיי האבען איהם ליעב געהאט. עס האט נישט לאנג געדויערט, און ירוחם האט זיך גערעכענט אלס איינער פון די גרעסטע גבירים פון שטאט.

זעלבסט־פערשטענדליך, ווי ווייט זיין אידישקייט האט אויסגעזעהן. ערשטענס, האט ער גענצליך בעהאלטען זיין אידישקייט. ער האט איבערהויפט נישט געקענט ערשיינען אלעס איד צווישן אלע גראפען און אנדערע גרויסע סוחרים. וויבאלד איז אזא פאל, ואלטען זיי מער קיין פארקער נישט געהאט מיט איהם.

ביי זיך אין שטוב, אבער, האט ער יא אפגעהיטען, אין אנפאנג, אויף געווויסע זאכען. א מזוזה, צום ביישפיל, האט ער אנגעקלאפט אויפן טיהר פון שטוב, האטש ער האט עס אזוי פארדעקט, וואס וויפיל מאהל האט ער אליין אויך נישט געוואוסט וואו עס איז...

כשרות האט ער אויך אין אנהויב שטרענג אפגעהיט. ער פלעגט פון צייט צו צייט ארייןפאהרען אין א ווייטערע שטעטיל, וואו עס האט זיך געפונען א שוחט, דארט האט ער געקויפט א קעלבעל, וועלכער האט עס געהאלטען אויף א לענגערע צייט. דעם דאוונען האט ער אויך טאג טעגליך אפגעהיט. און ווען די צייט האט איהם ערלויבט, פלעגט ער אויך לערנען א פרק משניות, עין־יעקב א. א. וו.

אזוי האט ער זיך געפיהרט א צייט, ביז ער האט צוביסלעך אנגהויבען פערבויגען אויף פערשידענע „קלייניגקייטען", וועלכע האט איהם צוגעבראכט צו פארבויגען און זיך פערהוילען פון גרעסערע און הארבערע מצוות, און איז כמעט ווי אראפ אינגאנצען פון אידישען וועג.

זיין פרוי, אבער, האט זיך זעהר שטרענג און פעסט געהאלטען אין אידישקייט. זי האט אויף קיין זאך נישט געוואלט מוותר זיין. איבערהויפט, האט זי נישט אראפ גענומען א אויג פון איהר בן־יחיד'ל, שלמה'לה. זי האט איהם נישט ערלויבט צו חבר'ן זיך מיט

אנדערע גוי׳אישע קינדער, ער זאל חלילה זיך נישט אפלערנען פון זייערע מדות. ביי יעדער עסען פלעגט זי מיט איהם מאכען א ברכה, בענטשען, און אויך מיט איהם געלערענט דאווענען. ווי וויט זיין יונגע קעפאלע האט געקענט פארנעמען.

ווען דער קינד איז אבער אלט געווארען פינעף יאהר, האט זי שטארק אנגהויבען טראכטען וועגען זיין צוקונפט. „וואס וועט פון אונז ווערען — פלעגט זי זיך אויס׳טענה׳ען מיט איהר מאן — איינציגע אידען איבער דער גאנצער שטאט, אן א שוהל אן תפלה בצבור, אן תורה און אן צדקה. וואו א ישיבה און וואו א תלמוד־תורה? אויסער דעם איינציגסטען מאהל, אין די ימים־נוראים טעג וואס מיר פאהרען א ביסל צווישן אידן — זעהן מיר נישט און וויסען נישט פון קיין זאך, און וואס וועט מיט אונז זיין דער תכלית?״

גאנץ האפט האט מען געקענט הערען איהר געבעט וועגען ארויס פאהרען פון דער שטאט. איהרע רייד אבער, האבען א גאנץ קליינע ווירקונג געהאט אויף איהם. ירוחם, וואס איז שוין געווען איגגאנצען אריינגעטאן אין מסחר, אויסגעמישט מיט אלע גוים, האט זיך איבערהויבט נישט געקענט ערלויבען אפצולאזען דעם „גן־עדן״ און רייכטום. וויפיל זי פלעגט איהם איבערצייגען, דאס זייער פארמעגען ערלויבט זיי שוין ארויסצופאהרען און לעבען בכבוד אין א אנדער אידישע שטאט — האט עס נישט געווירקט.

„יא, יא, ביסט טאקע גערעכט — פלעגט ער איהר אפענטפערען — גלויב מיר אז איך אליין וויל שוין אויך וואס גיכער אוועק ציהען זיך פון דעם ארט. מער נישט וואס איך וויל אביסל אפווארטען מיר זאלען קענען אנקלייבען א געהעריגע סומע, וואס זאל אונז קענען ערלויבען צו פירען א בכבוד׳יגען לעבען אן דאגות, און דאן בין איך דער ערשטער אוועק צו לויפען פון דעם ארט״. אזוי האט זיך דער „באלד״ געצויגען עטליכע יאהר. דער כח הטומאה האט

איהם נישט געוואלט בעפרייען, ארויסצופאהרען און אנטלויפען פון דארט.

די פרוי האט אבער צו דעם אלעס נישט געקענט מער צוזעהן, עס האט איהר זעהר געערגערט. דער קליין שלמה׳לע ווערט צוביסלעך פערדארבען, לויט זיינע יאהרען, דורך זיינע חברים, און צו אזא מצב האט זי נישט געקענט צולאזען. זי האט זיך דערפון זעהר געקאכט, און דאס האט איהר אריינגעווארפען אין א שטארקע קרענק, וועלכע זי האט זיך דערפון נישט געקענט ארויסדרייען. א קורצע צייט האט זי זיך געמוטשעט, און ענדליך נישט געקענט שטארקען זיך איבערען טויט וועלכע האט איהר שנעל דעריאגט — — —

## פרק ה׳

ירוחם האט זיך פלוצלונג געפונען אין א שרעקליכען מצב. א איינציגער איז ער יעצט געבליבען מיט זיין איינציגען שלמה׳לע, וועלכער האט איהם ביז יעצט גאנץ ווינציג אינטערעסירט, זייענדיג פערייאגט אין די געשעפטען. ער האט זיך געפיהלט אלס איינציגער שולד אין זיין פרוי׳ס שטארבען, און דאס האט איהם זעהר דערדריקט.

„פארוואס ביך איך געווען אזוי פערנארט און נישט געפאלגט מיין אידעלע פרוי, וועלכע האט מיר געוואהרענט אוועק צופאהרען פון דא בעצייטנס? — האט ירוחם געפאטשט די הענט פון גרויס צער — וואו איז געווען מיין שכל וואס האט זיך געלאזט פארבלענדען צוליב די נארישע געלד? וואו וועל איך יעצט קענען זאגען א אידיש ווארט, און וואו וועט דער קליין יתום׳ל זאגען א קדיש פאר זיין מאמע׳ס נשמה?“

פארקלעמט און פערזארגט איז ירוחם געבליבען זיצען איינגעבויגען, די קאפ צווישען די הענט, נישט געפינענדיג זיך קיין ארט. ווי צוויי פליסיגע טייכען האבען זיך פלוצלונג אנגהויבען גיסען די טרערען פון זיינע אויגען. א שטילער געוויין האט זיך פון איהם דערהערט, וועלכער איז צוביסלעך אלס העכער געווארען, ביז עס האט אויפגעוועקט שלמה׳לען וועלכער איז געשמאק געשלאפען, ווי די גאנצע זאך וואלט איהם איבערהויפט נישט אינטערעסירט.

דאס קינד זעהט פאר זיך א אומפערשטענדליכע סצענע: די מאמע איז נישטא; דער טאטע זיצט איינגעבויגען, די קאפ אין די הענט, און טרערען גיסען זיך אן א אויפהער.

„טאטע, וואס האט פאסירט? — פרעגט ער מיט א פערוואונדערונג — פארוואס וויינסטו? וואו איז די מאמע?"

קיין אנטווארט קומט נישט אויף זיינע פראגעס, אויסער א שטראם טרערען וועלכער האט נישט קיין אויפהער. שלמה׳לע ווערט שטארק בעריהרט און הויבט אויך אן וויינען. ביידע זענען אזוי געזעצען ווי צוזאמען-געקלעפט און שטילערהייט געוויינט. דער יתום׳ל פרעגט: וואו איז די מאמע? און שטראמען טרערען קומען אלעס ענטפער — — —

לאנג האט ער אבער נישט געקענט אזוי זיצען. ווען ער איז אביסל צו זיך געקומען, האט ער אנגהויבן זוכען עצות ווי פון דא אוועק צופאהרען, ער זאל קענען ברענגען זיין פרוי צו קבר ישראל, און דער יתום׳ל זאל האבען וואו צו זאגען א קדיש פאר איהר נשמה.

ער האט פון דער גאנצע זאך קיינעם נישט ערצעהלט. שטילערהייט האט ער צוזאמענגעקליבען אלס פון שטוב, ערלעדיגט פערשידענע זאכען, ווי ווייט מעגליך, אלעס ארויפגעלעגט אויף א וואגען און האט איינמיטען נאכט שנעל פערלאזען זיין הויף, מיטנעמענדיג מיט זיך דעם קערפער וועלכער האט עס גוט בעהאלטען אונטער

אנדערע זאכן. שלמה׳לען האט ער געזעצט נעבען איהם. און ביז א קורצע צייט זענען זיי שוין געווען אונטערן שטאט.

דעם שטן האט אבער די גאנצע זאך נישט „געשמעקט״: צוליב געלד זאל א מענטש גורם זיין צו פארקורצן די יאהרען פון זיין כשער׳ע פרוי, און פערברענגט זיינע בעסטע און יונגע יאהרן צווישען גוים, אין א מקום טומאה?!

ער האט עס טאקע נישט פערשוויגען.

אין דער טיפעניש פון נאכט, האט זיך ירוחם געלאזט אין וועג, דורך דעם גרויסען וואלד וואס פיהרט צו דער אידישער שטאט. אפפאהרענדיג עטליכע מייל, דערהערט זיך פלוצלונג אין זיינע אויערען א געזויש פון א גרופע מענטשען, וועלכע האבען זיך שוין געפונען נאהנט צו איהם. ער האט שוין אבער פיעל צייט נישט געהאט צו זוכען פאר זיך א וועג ווי צו אנטלויפען, און ביז עטליכע מינוט איז ער געלעגען א דערמארדעטער פון די גזלנים — — —

זיי האבען באלד גענומען בערויבען אלס וואס דארט איז געווען. אלע ווערדע זאכען, געלד און זילבער האבען זיי צוגענומען, אויסער אנדערע זאכען, וועלכע האבען נישט געפונען פאר נויטיג, האבען זיי ארונטער געווארפען פון וואגען. אזוי איז דארט געבליבען ליגען דער קערפער פון די פרוי נעבען ירוחם׳ס ערמארדעטען קערפער, און האבען דארט אויך איבערגעלאזט שלמה׳לעס לעבעדיגער קערפערל, וועלכע האבען קיין „אינטערעס״ נישט געהאט אין איהם — צוזאמען מיט א קליין קעסטאלע מיט פערשידענע ספרים, נישט געפינענדיג אין דעם קיין נוצען. און זענען מיט גרויס פרייד־געדרודער פון דארט אפגעפאהרען.

וואס האט זיי אבער געקענט איינפאלען, אז טאקע אין דעם נישט בעדארפ׳יגער קעסטאלע איז פערבארגען א אוצר, וועלכע איז מער ווערד ווי דער גאנצער רויב וואס האבען יא צוגענומען. זיי האבען נישט געקענט מערקען ווי אין דעם ספרים קעסטעלע איז

פערבארגען נאך א גאנץ קליינינקע קעסטל, וואס איז געווען א ארון־קודש׳ל וואס האט ענטהאלטען אין זיך עזרא הסופר׳ס ספר־תורה׳לע!

⁂

א ערצעהלונג פאר זיך איז ווי דער ספר׳ל איז געקומען צו ירוחם׳ען. ווי עס האט זיך אבער שפעטער בעוויזען, האט עס ירוחם צוגענומען פון זיינעם א קרוב, וועלכער האט דערפאר זיך מוסר נפש געווען און זיך געלאזט קאסטן א הון רב. און אז דער קרוב, וועלכער האט עס שוין צווישען אלעמען געזוכט, זאל צו איהם נישט טרעפען, האט איהם ווערשיינדליך געברענגט צו דער שריט, ער זאל זיך באזעצען צווישען גוים, דארט וואו מען וועט איהם געוויס נישט דערגרייכען.

## פרק ו׳

אין א געפעהרליכען צושטאנד האט זיך שלמה׳לע יעצט געפונען. א קינד פון 8 יאהר, א איינציגער אינ׳ם גרויסען וואלד אין דער פינסטערע נאכט. די געטרייע מאמע וועלכע האט פון איהם א אויג נישט אראפגענומען — ליגט נעבען איהם אומבאוועגונג. דער טאטע וועלכער האט מיט מינוטען פריער איהם געפרובט ערקלערען וועגען די מאמע׳ס אונקום — נעבען די מאמעס קערפער א דערמארדעטער. ער הויבט אן שרייען: מאמע, טאטע — עס קומט אבער פון זיי קיין ענטפער, אויסער זייך אייגען ווידער־קול, וואס האט איהם געדאכט ווי א צווייטער איינגעל געפינט זיך נישט וויט פון איהם און זוכט זיינע עלטערען וועלכע ער האט זיך פון זיי פערלארען.

ער הויבט אן רופען דעם „חבר“, עס קומט אבער קיינער

נישט. איינמאהל, א צווייטען מאהל — קיינער בעוויזט זיך נישט. זיין קליין שכל'ע האט אבער פערשטאנען אז זיין שטעהן דא און שרייען, וועט איהם ווענינ העלפען. ער האט זיך דערפאר אנגעהויבען לאזען געהן. ער האט מיטגענומען דאס קעסטאלע וואס איז דארט געבליבען ליגען, האטש ער האט אליין נישט געוואוסט וואס דארט געפינט זיך, און האט זיך געלאזט געהן צו דעם ציהל פון וואו זיי זענען געקומען.

אפגעהענדיג עטליכע מינוט, דערהערט זיך צו זיינע אויערען א פלוצלונגער גערויש פון א פערד און וואגען, און עס דאכט זיך איהם אויך א מענטשען־געשפרעך. ער הויבט אן שרייען מיט אלע כוחות, מען זאל צו איהם קומען. יענע נאכט, וועלכע די לבנה האט אביסל פערשפרייט איהר ליכט איבערען געדיכטען וואלד, איז גראדע דער פריץ שפעט אהיים געפאהרן פון שטאט. דעם קוטשער האט זיך אנגעהויבען דאכטען, אז ער זעהט פונדערווייטענס א קליין טאנצעדיגע געשטאלט. ער האט אין אנפאנג זיך נישט וויסענדיג געמאכט, מיינענדיג אז עס איז נאר א דמיון. ער האט אבער דעם זעלבען געשטאלט עטליכע מאהל געזעהן, און האט פערשטאנען אז עס איז נישט פשוט.

א קאלטער שוויס האט פלוצלונג איבערגעדעקט דעם אלטען פויערישן פנים, פון שרעק. וואס נעהנטער דער געשטאלט איז געקומען, מער האט זיך דער שרעק ביי איהם פערשטארקט. זעהענדיג אבער אז ער קען זיך שוין מער נישט באהערשען, האט ער האסטיג געגעבען א האלט־אפ דעם וואגען אויף איינמאהל, אז דער פריץ וועלכער איז כמעט ווי ארויסגעפאלען.

„וואס האט מיט דיר פאסירט? — שרייט ער אויס מיט זיין צארנדיגע שטימע — ווילסטו מיר אין טיפען וואלד פאר אומגליקען?"

דער צושראקענער קוטשער איז אבער געבליבען ווי א

פערשטיינערטער. ער קען פון שרעק דעם מויל נישט עפענען, ביז ענדליך האט ער אנגעוויזען מיטן האנט ווי ער וואלט דארט עפעס געזעהן א משונה׳דיגע בריאה.

דער גראף האט געמיינט אז זיין קוטשער איז פלוצלונג משוגע געווארען. ער קוקט זיך ארום אין אלע זייטען — ער זעהט אבער גאר נישט. עס האט אין איהם אנגעהויבען ברענען דער צאהרען, און ער האט, דורך זיינע קלעפ, איהם געוואלט מאכען צוריק „קלאהר". עס האט פיעל נישט געפעלט, ער זאל אנידערפאלען א פערחלש׳טער פון די קלעפ — ווען נישט ער וואלט דערזעהן א קליין קינד לויפנדיג אין איין האטעם צו איהם.

„דו ביסט עס, סערעגעי? — האט דער גראף ערשטוינט אויסגעשריגען — ווי קומסטו אהער אזוי שפעט אין דער נאכט אליין?" פרעגט ער איהם, זעהענדיג אז דאס קינד איז נישט אנדערש ווי זיין יעפימאוו׳ס (ירוחם׳ס) קינד.

דער אכט־יעהריגער אינגל, הויבט איהם אן צו ערצעהלען אלעס וואס מיט זיי האט פאסירט און פון דעם מאלער וואס האט מיט זיינע עלטערין געטראפען. „פאהרנדיג אין שטאט איינקויפען — הויבט ער אן זיין ערצעהלונג — האבען זיי בעפאלען א באנדע רויבערס, און האבען ערמארדעט דעם טאטען מיט די מאמען". ער קען מער נישט ריידען. א שטילער געוויין נעמט איהם ארום וועלכע ווערט אלס העכער. ער האט נאר אזוי פיעל אנגעוויזען אויפן ריכטונג וואו זיי ליגען דארט.

די סצענע וואס דער גראף האט דערזעהן פאר זיינע אויגען האט איהם שטארק בעריהרט. א שטארקען רחמנות־געפיהל האט איהם ארומגענומען זעהענדיג ווי דער קליין יתום׳ל שטעהט נעבען די טויטע קערפער פון זיינע עלטערען. איבערהויפט האט איהם וויי־געטאן אויף זיין יעפימאוו, וואס האט בעטראפען אזא אומגליק.

ער האט באלד בעפוילען דעם קוטשער ער זאל דא בלייבען און אפהיטען אויף די קערפערס, ביז ער וועט זיך צוריק קערן מיט עטליכע לייט וועלכע זאלען זיי באערדיגען אויף דעם ארט וואו זיי זענען אומגעקומען. און ער איז צוזאמען מיט שלמה׳לען, מיטנעמענדיג מיט זיך דעם קעסטאלע, געפאהרן אהיים.

ריידנדיג מיט דעם קינד און מיטען פאהרען, מערקט ער אין איהם ווי וויט דאס קינד איז בעצייכענט מיט חכמה און פערשטאנד, נישט לויט זיינע יאהרען. וואס מער ער רעדט און פערברענגט מיט איהם, ווערט ער אלס מער איבערצייגט אין די גוטע כשרונות וועלכע דער קינד פערמאגט. ער הויבט אן קלערען ביי זיך: א שאד דעם קינד ארויסלאזען פון האנט. וואס טיפער ער טראכט אין דעם געדאנק, מער זעהט ער די וויכטיגקייט דערפון, איבערהויפט דאס ער אליין איז שוין אלט און האט נישט קיין קינדער, און ער וועט איהם קענען האדעווען ווי א אייגען קינד.

קומענדיג אהיים, דערצעהלט ער פאר די גראפין פון דער גאנצע געשיכטע, און וועגען דעם נישט־גוטען סוף וואס האט בעטראפען דעם פיינעם יעפימאוו מיט זיין פרוי. ער גיט איהר דערביי אויך צו ערקלערען, זי זאל צו זיך נעמען דאס קינד און איהם אויפהאדעווען ווי א אייגען קינד. די גראפען איז אויך צופרידען געווען פון דער פלאן, און אזוי נאך האבען זיי פערשריבען „סערגעי פעטראוויטש שאפניקאוו״ אלס איינציגער יורש זייערער.

שלמה׳לע דער יעצטיגער סערגעי פעטראוויטש, האט נאך אבער גאנץ גוט געדענקט אלעס וואס זיין מוטער האט מיט איהם געלערנט: דאווענען, מאכען א ברכה א. ד. ג. ער האט דערפאר ביי זיך בעשלאסען, צו פיהרען זיך אויך ווייטער, אין געהיימניס, ווי מען האט איהם געלערענט. ער האט באלד גענומען דעם קעסטאלע וואס איז איהם געבליבען אלעס איינציגער אנדענקונג פון זיינע עלטערען, און האט עס בעהאלטען אויפן בוידעם, קלערענדיג דערביי,

טאמער_ וועט זיך אמאהל מאכען א געלעגענהייט, וועט ער פון דארט אנטלויפען.

## פרק ז׳

עטליכע יאהר זענען אזוי אויף שלמה׳לען אריבער ביים גראף אין הויז. אנפאנג, האט ער שטענדיג געזוכט זיך אויפצופירן ווי זיין מאמע האט איהם געלערענט. זייענדיג אבער א יונג קינד, וועלכער עס האט איהם פון תענוגי עולם־הזה קיינמאהל נישט געפעלט, איז ער, אין פארלויף פון עטליכע יאהר, געווארען דער ריכטיגער סערעגעי, וואס האט גענצליך פארגעסען פון זיין פארגאנגענהייט.

ווען ער איז עלטער געווארן, האט מען איהם געשיקט לערנען און שטודירען אין די גרעסטע געמענאזיום פון יענער שטאט. זייענדיג בעשאנקט מיט גוטע כשרונות, איז ער געווען איינס פון די בעסטע תלמידים, וועלכער האט מיט זיין קענטעניש דערגרייכט צו א זעלכעס וואס פיעל עלטערע פון איהם האבען דערצו נישט געקענט צוקומען.

האלטנדיג ביים „צוואנציגסטען יאהר, האבען איהם „זיינע עלטערען״ פערהייראט מיט א קריסטליכע פרוי, וועלכע איז געווען א טאכטער צו איינעם פון די גרעסטע גראפען אין שטאט. און איז אויך דארט אינ׳ם גראפישען הויף געבליבען וואהנען.

אין פערלויף פון עטליכע יאהר, זענעןביידע אלטע, דער גראף און גראפין, געשטארבען, און זייער גאנצע ירושה, וועלכע האט בעטראפען א הון רב, איז אלס אריבער צו איהם, וואס דאס האט

איהם געבראכט צו רעכענען זיך אלס איינער פון די גרעסטע גראפן פון יענער מדינה.

צוזאמען מיט זיין רייכטום און גרויסקייט, האט זיך אויך געגרויסט זיין שנאה צו אידען! זיין פרוי וועלכע איז געווען א געפעהרליכע קעגען אידען, האט פארלעגט פיעל קרעפטען אז אויך איהר מאן זאל נישט זיי אזוי ווייך קעגען אידען, און ענדליך איז איהר טאקע געלונגען איהם איבער צודרייען מיט זיין שנאת־ישראל, ביז אזוי ווייט אז ביי איהם איז די שנאה קעגען א איד, אין וויפיל פאלען, געווען נאך פיעל ערגער ווי ביי איהר!

עס פלעגט זיך איהם אפטער חלום׳ען, ווי זיין מוטער קומט צו איהם און בעט זיך ביי איהם, ער זאל זיך פירען אין אידישען דרך, זיך באלד שיידען פון זיין קריסטליכע פרוי מיט זיינע דריי קינדער, און פון דארט אוועק פאהרען, און דורך דעם, וועט זי קענען צוקומען צו איהר ריכטיגען ארט אין עולם העליון, וועלכע קען נאך ביז יעצט נישט געפינען איהר רוה.

ער האט זיך אבער דערפון אויסגעלאכט. די חלומות, וועלכע האבען זיך אפט פאר איהם בעוויזען, איז ביי איהם שוין צוגעוואוינט געווען, און ער האט זיך דערפון גאר נישט געמאכט צו טאן.

די כשר׳ע מאמע, אבער, האט עס מער נישט געקענט שווייגען. און אין א שעהנעם פרי־מארגען, האט מען געטראפען, סערגעיי פעטראוויטש שאפניקאוו, דער אמאהליגער שלמה׳לע, ווי ער איז טויט אין זיין בעט — — —

די גראפען, זיין פרוי, האט זיך שטארק גענומען צום הארץ פון איהר מאן׳ס פלוצלונגער טויט. איהר שנאת־ישראל, אבער, האט זיך ביי איהר נישט געמינערט. פארקערט, איהר גיפטיגע שנאה האט זי נאך מער ארויסגעוויזען. טאג טעגליך פלעגט זי מיט איהרע דריי קינדער זיצען און אין זיי איינווארצלען שנאה קעגען די „וועלכע האבען געהאנגען אונזער גאט״, צוגעבנדיג דערביי, אז

אלע צרות און שלעכטס וואס קומט אויף דער וועלט, איז עס נאר צוליב די „דג׳ידאווקעס״. זעלבסט־פערשטענדליך, אז קיין גרויסע אידען ליב־האבערס זענען זיי שוין פון אזא ערציהונג נישט אויסגעוואקסען.

⁂

טרעפט אמאהל, און זי איז ארויף אויפן בוידעם, אויפצוזוכען א געוויסע זאך. זוכענדיג, מערקט זי אונטער אלע זאכען א קליין קעסטאלע וועלכע איז איהר זעהר געפעלען. זי האט אין אנפאנג נישט געקענט בעגרייפען פון וואו דאס קעסטעלע קומט. זי האט זיך אבער באלד פארגעשטעלט, אז איהר מאן האט עס מיט א צייט צוריק דארט בעהאלטען.

זי שיקט באלד רופען דעם משרת, וואס ער נעמט עס אראפ מיט גרויס פארזיכטיקייט, אוןביידע האבען אנגעהויבען זוכען וואס דארט געפינט זיך. זי האט באלד געפונען פערשידענע אידישע ספרים וועלכע זענען פון אויבען געווען. עס האט אין איהר אנגעהויבען ברענען דער צארן און האט דעם משרת באלד געהייסען צוגרייטען א פייער, עס צו פארברענען.

שטראלען פון שמחה האבען זיך באוויזען אויף איהר פנים ווען דער פייער האט אנגעהויבען פארברענען די ספרים וואס זי האט דארט ארייגעווארפען. איינציגווייז האט זי יעדען ספר ארייגעווארפען, מורמעלדיג ביי יעדער איינציגען, א „געבעט״ עס זאל אנגענומען ווערען נישט ווענ‍יגער ווי א איד וואלט זיך דארט געבראטען: „נאך א איד, נאך א איד!״ האט זי היסטעריש אויסגעשריגען ביי די לעצטע ספרים וועלכע זענען געפאלען אין פייער.

ווען עס איז שוין אבער מער קיין ספרים נישט געווען, און

איהר כעס איז נאך אלס נישט געשטילט געווארען, האט זי געהייסען, מען זאל צוברעכען דעם קעסטעלע אויף שטיקער און עס אויך אריינווארפען אין פייער. דער משרת האט עס באלד גענומען און אנגעהויבען אויפצוברעכען.

„האלט־אפ!״ — הערט זיך א פלוצלונגער געשריי צום משרת, ווען זי האט ערשטויגט פאר איהרע אויגען דערזעהן א קליין גאלדענע קעסטאלע וועלכע איז דארט געווען בעהאלטען. ער האט באלד אפגעשטעלט זיין ארבעט, און זי האט עס גענומען אין דער האנט, גוט נאכזוכענדיג וואס דארט איז פראן.

ווי ערשטויגט איז די גראפן אבער געבליבען, ווען זי האט נישט געפונען די טיהרל דערפון! חאטש איהר גרויסע מיה, ווי אויך די מאטערניש פון די אלע אנוועזנדע, האבען זיי קיין וועג נישט געפונען ווי אזוי עס צו עפענען. זי האט געלאזט רופען עטליכע קונציגע בעלי־מלאכות, וועלכע האבען אויך, גליך ווי די פריערדיגע, נישט געקענט די קעסטאלע עפענען. זי איז געבליבען שטעהן, נישט וויסנדיג וואס צו טאן. צוברעכען דעם שעהנעם קעסטאלע, האט זי זיך נישט געוואלט ערלויבען. עפענען, האט זי עס ווידער נישט געקענט.

ווען זי האט פאר זיך קיין אנדער וועג נישט געזעהן, האט זי עס גענומען און פערשלאסען אין בעהאלטענעם אפגעהיטענעם ארט, דארט וואו קיינער וועט דערצו נישט קענען דערגרייכען,ווארטענדיג אויף א געלעגענהייט, ווען זי וועט אריינפאהרן אין די גרויסע שטאט, דארט וועט זי עס איבערגעבען צו די גרעסטע מומחים, זיי זאלען געפינען א וועג ווי עס צו עפענען.

## פרק ח׳

אין א געוויסען טאג איז דער בישוף פון די גרויסע שטאט דורכגעפאהרען די שטעטיל. זייענדיג די אנגעזעהנסטע און רייכסטע פרוי פון דעם ארט, האט זי איהם, ווי געוועהנליך, געבעטען, ער זאל איהר מכבד זיין מיט זיין קומען ביי איהר אויף א מאהלצייט. האבענדיג דערביי א גרויס אינטערעס, האט ער זיך זעהר דערפרעהט מיט דער איינלאדונג, און האט איהר געדאנקט דערפאר, צוזאגענדיג צו קומען צום אווענד־מאהלצייט.

ביי דער סעודה, ריידענדיג, רעדט זי זיך אפ איהר הארץ וועגען דער אינטרעסאנטער קעסטאלע וואס געפינט זיך ביי איהר, נישט וויסנדיג ווי אזוי עס צו עפענען. זי האט איהם אויך דערציילט ווי עטליכע מומחים האבען זיך שוין דערויף געפלאגט, אבער אן ערפאלג.

זי האט די קעסטאלע ארויסגענומען פון דער געהיימניס און דאס איהם געוויזען. ווען ער האט עס דערזעהן, האט ער זיך, נאך א צייט טראכטען, געכאפט וואס דא קומט פאהר. ער שטארקט זיך אבער אויף זיין איבערראשונג, און הויבט איהר אהן ערקלערען זיין מיינונג וועגען דער זאך.

„עס איז שוין עטליכע יאהר וואס איך מערק אז קעגען מיין כשוף, אין פערשידענע זאכען, איז פראן א שטארקע קעגענשאפט — דערצעהלט ער איהר — און מיינע שטארקע אנשטרענגונגען און פעולות ביי מיין כשוף, האט עס כמעט קיין ווירקונג נישט צוליב דער געוואלדיגער געגענשאפט. נאך פיעל ארייניטראכטען און איבערלעגען אין דער זאך, האב איך בעשלאסען, אז עס קען נישט אנדערש זיין, ווי א אידישע זאך, וואס איז ביי זיי זעהר הייליג און געאכטעט, געפינט זיך אין דער געגענט, וועלכע דאס איז די איינציגסטע זאך וואס שטעהט מיר אין וועג״.

„איך האב דערפאר בעשלאסען — זעצט ער פאהר זיינע רייד — ארומצופאהרען אין דער גאנצער געגענד, נאכצוזוכען און אנטפלעגען דער זאך. צווישען מיינע נסיעות, בין איך, ווי דו זעהסט, אויך דורכגעפאהרען די שטעטיל. באלד ביים אריינפאהרען, האב איך אנגעהויבען שפירען, אז די אומנאטירליכע זאך געפינט זיך דא אויפען ארט. איך האב אנגהויבען זוכען עצות ווי אזוי דערצו צוצוקומען. איך האב אבער לאנג נישט געדארפט טראכטען, און בעקומענדיג דיין איינלאדונג, האב איך בעשלאסען עס אנצונעמען, קלערנדיג אז פילייכט וועל איך עס דורך דיינע פילע פערבינדונגען מיט אלעמען, קענען עס אנטפלעקן״.

„ווי איבערעש׳ט בין איך אבער געווען — הויבט ער אויף זיין האסטיגען קול — ווען איך האב באלד ביים אריינגעהן ביי דיר אין שטוב געפיהלט אז די זאך וועלכע איך פלאג זיך שוין דערויף יאהרען לאנג אויסצוגעפינען — געפינט זיך אין דער שטוב! איך דענק אז דו פערשטייסט אליך ווי גרויס מיין יעצטיגער גליק איז, האלטנדיג האט דער געהיימעניס ביי מיר אין די הענט!״

ווי פערשטייענדט איז די גראפין געבליבען הערענדיג אזעלכע רייד פונ׳ם גרויסן בישוף. זי האט פון גרויס איבערראשונג אנגעהויבען וויינען אויף איהרע גרויסע זינד וועלכע זי איז בעגאנגען קעגען „הייליגען פאטער״, האלטנדיג דעם אוצר, וועלכע שטעהט איהם שוין אזוי לאנג אין וועג. זי האט אנגעהויבען וויינענדיג בעטען רחמים אויף איהר „אונגליקליכע נשמה״, וואס איז אזוי בעשולדיגט געווארען, נישט וויסנדיג אז דאס געפינט זיך ביי איהר אין רשות.

דער בישוף, אבער, הויבט איהר אן טרייסטען, אז איהר זינד קען פארגעסען ווערען, אויב זי זאל נאר וועלען פאלגען וואס ער זאגט. — „ביסטו דערויף מסכים?״ פרעגט ער איהר נאך זיינע רייד. „געוויס, געוויס! — שרייט זי אויס — אלס וואס דער הערר וועט מיר זאגען וועל איך פאלגען!״.

„וויסען זאלסטו — הויבט ער אהן ערענסט זיינע רייד — אז אין דער שאפקעלע געפינט זיך א אידישער אוצר, וואס אידען וועלען דערפאר זייער לעבען אוועק־געבען. אין דער קעסטלע געפינט זיך איין ספר־תורה וואס איז געשריבען געווארען דורך איינעם פון די גרעסטע חכמי ישראל, וואס דערפאר האט עס ביי אידען א געוואלדיגע הייליגקייט, וועלכע קען טאקע, ווי איך אליין וייס אויך, קעגען שטעהן אלע סארט כשוף, און עס אויך מאכען צו נישט״.

„פונדעסטוועגען — זאגט ער צו איהר זעהענדיג ווי ווייט די זאך אינטערעסירט איהר — דענק איך, אז די זאך איז נישט פערלוירען. עס זענען נאך פראן געוויסע וועגען ווי אזוי דערפון פטור צו ווערען. ווי ווייט איך וויים — ווי איך האב עס נאך געהערט מיט פיעל יאהרען צוריק, ווען דער ספר׳ל איז דורך א אומוויסענדיגער פאל אוועק גענומען געווארען פון דעם וואס האט עס געהאלטען, — קען דעם ספר׳ל קיינער נישט עפענען, אויסער דער גרעסטער אידישער ראבין, וועלכער וועט עס געוויס פאר קיין פאל אין דער וועלט נישט עפענען״.

„הא! ווען איך וואלט דאס ספר׳ל ביי מיר אין רשות געהאט! — ענדיגט ער מיט א זיפץ זיינע רייד — איך וואלט זיך דערמיט אין אלע אידען נוקם געווען! איינמאהל אויף שטענדיג!״

זיין פנים האט געפלאמט פון כעס און נקמה. מען האט אויף זיין פנים לייכט געקענט דערקענען ווי ער האלט קוים איין דעם צארען. אויך די גראפען האט זיך פון דער פאזע אביסל דערשראקען.

„און וואס איז, אלזא, דייך פלאן וועגען דער זאך, הייליגער פאטער?״ פרעגט זי איהם ווידער.

זי האט דערויף קיין ענטפער פון איהם נישט בעקומען. ער איז געבליבען עטליכע מינוט פערטראכט, נישט ריידענדיג איין ווארט.

— „האסטו קינדער?״ — פרעגט ער איהר ווי אויפכאפנדיג זיך פון שלאף.

— „3 קינדער, זאלען זיין געזונט״.

— „וויפיל יאהר האט דער עלטסטער?״

— „18! דער קלענערער 15, און דער איינגסטער 14 יאהר״.

א שטארקער אומצופרידענהייט האט זיך בעוויזען אויף זיין פנים, זיין צארן וועלכער איז נאך נישט געווענט איינגעשטילט, האט זיך אנגעהויבען אויפוועקען פון דאסניי.

„עס מוהט מיר זעהר וועה, וואס דורך זייער יעצטיגע נישט-פאסיגע יאהרען, וועט מיין פלאן נישט קענען פארווירקליכט ווערען. עס איז נאך אבער קיין זאך נישט פערלוירען, און מיין פלאן וועט מוזען אויסגעפיהרט ווערען אן קיינע שטערונג!״ — האט ער זיך צושריגען.

„די איינציגסטע וועג וואס פאר אונז איז יעצט פראן — שטילט ער זיך אפ אביסל — אויף די קעסטאלע צו עפענען, איז נאר ווען דיין עלטסטער זון וועט ווערען 23 יאהר, פאר דעם איז קיין אויסקוק פראן, ווי די זאך דורכצופירען״.

די גראפין בלייבט אין א צובראכען געמיט. „נאך 5 יאהר וועל איך נאך דארפען ווארטען״ טראכט זי ביי זיך. זי ענטפערט אבער באלד דעם בישוף: „אויב דו פארשטעהסט אזוי, ווער וועט זיך קעגען-שטעלען! וויפיל עס ווייטאגט וועגען דער לאנגער צייט, דאך ערמוטיגט מיר, דערמאנענדיג זיך אז די זאך וועט פאהרט דורכגעפיהרט ווערען, און טאקע דורך מיינע אייגענע קינדער!״

„ווער ווייס אויב מיר וועלען נאך דער זאך דערלעבען — זעצט ער פאהר זיינע רייד — איך גיב דיר דערפאר יעצט איבער אין בריף, וועלכע זאל אריינגעלעגט ווערען צוזאמען מיטן קעסטאלע, אז די קינדער וואס וועלען עס מיט דער צייט עפענען, זאלען זיי וויסען ווי אזוי זיך דערמיט אויפפיהרן״.

ער האט באלד אפגעשריבען דעם בריף, עס איבערגעגעבען די גראפען, געדאנקט און אפגעזעגענט זיך, און איז באלד אהיים געפאהרען.

## פרק ט׳

ר׳ זיסל, אהיימקומענדיג, איז ער פערבליבען ביז שבועות. עטליכע טעג פאר יום־טוב, האט ער זיך געגרייט ווידער ארייגצופאהרן אויף יום־טוב צום רבי׳ן, און פון דארט נאך יום־טוב אויפן יריד, וואס האט זיך אנגעהויבן באלד נאך שבועות. ער האט זיך אלעס בעזארגט, איינגעארדעט, און איז ערב יום־טוב אנגעקומען אינ׳ם רבי׳נס הויף.

ער איז באלד אריין צום רבי׳ן וועלכער נעמט איהם אויף זעהר פריינדליך: „ברוך הבא, ר׳ זיסל! — שטרעקט ער איהם אויס די האנט — עס קומט דיר טאקע א גרויסען ברוך־הבא, האפענדיג אז דו האסט מיר אלעס געפאלגט — איבערלאזענדיג דעם מסחר און זיך גענומען צו תורה און מצוות“.

ר׳ זיסל איז אין אנפאנג אביסל איבערעש׳ט געווארען פון דעםווארעמען קבלת פנים וואס ער האט זיך דערויף געגצליך נישט גערעכט. אבער דעם רבי׳נס פריינדליכקייט און ליבשאפט וואס האט צו איהם ארויסגעוויזען, נישט ווי געוועהנליך, האט איהם זעהר ערמוטיגט און געשטארקט. ער האט ביי זיך אליין נישט געקענט פארשטעהן וועלכער זכות האט איהם דערצו גורם געווען אין אזא אופן צו נושא־חן זיין ביים רבי׳ן.

באלד נאך דעם שלום־נעמען, איז ער אוועק צו זיין סטאנציע אויף צו גרייטען זיך צום הייליגען יום־טוב. שבועות איז דאן אויסגעפאלען ערב־שבת, האט ער זיך דערפאר יעצט נישט אזוי

געאיילט, ווי שטענדיג, צו באשטעלען די בעלי־עגלות א. ד. ג. „איך וועל זיי אויך נישט אנווערען נאך אסרו־חג״ — האט ער ביי זיך געטראכט. געוואוסט האט ער גוט, דאס טאמער וועלען זיי זיך נאר דערוויסען פון זיך קומען, וועלען זיי שוין אליין קומען צופאהרען. נאכמיטאג איז ער באלד אוועק אין מקוה זיך טובל׳ן, און איז פון דארט באלד אוועק אין שוהל.

ווי ר׳ זיסל האט זיך אין דעם יום־טוב געפּיהלט, זייענדיג ביים רבי׳ן — איז איבעריג צו בעשרייבען. אזא הייליגער יום־טוב, וועלכע אידען האבען דאן מקבל געווען די תורה אויפן בארג סיני, זיין צוזאמען מיטען רבי׳ן! עס האט זיך איהם געדאכט, אז האט שטעהט ער צוזאמען מיט׳ן כלל ישראל ביים בארג, און הערט ווי די תורה ווערט געגעבען בקולות וברקים. די מאמענטען ווי דער רבי לייענט די פרשה פון עשרת הדברות דאכט זיך איהם אויס אז ער געפינט זיך איבערהויפּט נישט, אין דער צייט, דא אויף דעם עולם הגשמי. עס דוכט זיך איהם ווי די נשמה שוועבט אין העכערע הימלען. „אנכי ה׳ אלקיך!״ קלינגען אין זיינע אויערען, ווי עס וואלט נישט געווען קיין קול פון א בשר־ודם. ער זעהט נישט און הערט נישט פאר זיך קיין זאך, ווי עס וואלט אין דער צייט אלע גשמיות׳דיגע זאכען פערהוילען געווארען. ער הויבט אן דערהערען און עס ווערט ביי איהם אפגעלעגט דאס וואס ער האט וויפיל מאהל געהערט פון רבי׳ן, ארומרעדענדיג פערשידענע הויכע ענינים, ווי „ממלא כל עלמין״, „סובב כל עלמין״, אז יעדער רגע און יעדער שעה ווערט יעדער גשמיות׳דיגע זאך באלעבט און בעניי׳עט דורך א געטליכען כח וואס איז פראן אין יעדער זאך, וואס ווען דער געטליכער חיות זאל דערפון אפגעטאן ווערען, אפילו איין רגע, וואלט עס באלד געווען צו נישט. — „לית אתר פנוי מיניה״, פליהט איהם אין די מאמענטען דורך די הייליגע ווערטער וואס ער האט פונ׳ם רבי׳ן פיהל מאהל געהערט. עס איז נישט פראן קיין ארט

וואס ער איז נישטא. ער, דער גוף, זיינע אברים, זיינע גידים, זיינע חושים ; אלעס, אלעס, ווערט באלעבט און אויפגעהאלטען דורך א חיות אלקי וואס ווערט אויפגעהאלטען דורך די שטענדיגע השגחה פרטית ! וואס איז דאס איך און וואס איז מיין פארנעם ? נישטא קיין איך און נישט פראן קיין מיר —אנכי ה׳ אלקיך ! — — —

אזוי ווערט ביי איהם וואס מער ערוועקט א געגועים׳דיגע אהבה צו העכערס. עס דוכט זיך איהם אז ער האט שוין דא אויף דעם חושך׳דיגען עולם איבערהויפט נישט וואס צו טאן. עס האלט ביי איהם ביי „כלות הנפש״, ער מיינט אז האט ווערט ער אפגעשיידט פון דעם גשמיות׳דיגער וועלט און זיין נשמה געהט זוכען איהר רוה דארט פון וואו זי איז געקומען.

אזוי געפינט זיך ר׳ זיסל אין דער מדרגה דורך דער גאנצער צייט פון קריאת התורה. נאך דעם ענדיגען, קומט ער אביסל צו זיך. זיינע פליישיגע אויגען הויבען אהן זעהן און הערען. ער זעהט פאר זיך א בית־מדרש מיט פערשידענע מענטשען, אלעס אזוי ווי פריער איז געווען. ער וואונדערט זיך אויף זיך אליין ווי אזוי ער האט זוכה געווען צו אזא הויכען מעמד. ער דערזעט פאר זיך ווי וויט ערגרייכט דער כח פונ׳ם רבי׳ן, וואס דורך זיין קדושה און טהרה האט ער איהם צוגעבערענגט צו דער מדריגה.

אין דער טאג האט ער שוין מער פון שוהל נישט געקענט אוועק גיין. עס האט אין זיינע אויערען נאכאנאנד געקלונגען דעם רבי׳נס „מתן תורה״. „ווי קען מען יעצט געהן עסען״ — טראכט ער צו זיך אליין. ער האט נאך געשוועבט אין א רוחניות׳דיגען אטמאספער. עס האט איהם מאמענטאל קיין זאך איבערהויבט נישט אינטערעסירט.

ערשט איב׳ם זונטאג׳דיגען טאג, האט ער זיך צוביסלעך דערמאנט וואו ער געפינט זיך. ער האט זיך צוביסלעך אנגהויבען ארום קוקען וואס עס טוהט זיך ארום איהם, אזוי האט ער דורך א

קורצע צייט זיך צוריק געקערט צו זיינע געשעפטען. אין עטליכע טעג ארום האט ער זיך גענומען גרייטען ווענען ארויס פאהרען צום מסחר. אריינקומענדיג ביים רבי'ן ביים געזעגענען זיך, זאגט איהם דער רבי:

„ריכטיג, זיסל, דו האסט קיין חרטה נישט וואס דו האסט מיר געפאלגט באלד נאך פסח, און דו ביסט אהיים געפאהרען, נישט ארויספאהרנדיג צום מסחר?"

„חס ושלום! — ענטפערט ר' זיסל מיט זיין פוהלן בטחון — איך בין גליקליך וואס איך האב זוכה געווען צו פאלגען דעם רבי'ן".

„אויב אזוי — זאגט איהם דער רבי ווידער — פאלג מיר יעצט אויך, און פאהר ווידער אהיים לחיים ולשלום!"

די אומערווארטענע רייד פון רבי'ן האט איהם א שטארקע רודער געגעבען. דערויף האט ער איבערהויבט נישט ערווארט. עס איז איהם אפילו נישט ארויפגעקומען אויפן געדאנק, דאס ער וועט יעצט אויך דארפען באלד אהיים פאהרן, איבערלאזענדיג דעם גאנצען יריד. ער איז געבליבען זיצען אויפן ארט נישט ריידנדיג אווארט. עס האט זיך גלייך געקענט דערקענען ווי ווייט דעם רבי'נס רייד האבען איהם געטראפען. פלוצלונג, באמערקט ער אויפן רבי'נס געזיכט א שטארקע ענדערונג. זיין פנים האט אנגעהויבען רויט ווערען ווי א פייער. ער איז געבליבען שטעהן פאר'מות'ט און פאר'דביקות'ט. ר' זיסל פיהלט באלד דאס דער רבי האט מרגיש געווען זיינע מחשבות. עס נעמט איהם ארויס א גרויסער פחד, דערפון וואס ער האט מהרהר געווען נאכן רבי'ן. דער שרעק נעמט ארום וואס אמאהל מער און מער. זיינע אברים הויבען אהן, אינערליך, ציטערען שטייענדיג נעבען רבי'ן, נישט באוועגענדיג זיך מיט א אבר. עס דוכט זיך איהם אז האט פאלט ער שוין צוזאמען פון שרעק — ווען נישט דעם רבי'נס קול וואס האט זיך פלוצלונג דערהערט אין זיינע אויערען:

„געמיינט האב איך — זאגט דער רבי — אז דו ביסט מיינס

א איבערגעגעבענער מענטש בלב ובנפש, אהן קיינע הרהורים. פון דיינע ספיקות׳דיגע מחשבות אין מיינע רייד, פערשטעה איך אז דו ביסט נאך ווייט דערפון. יעצט, מיין זיסל, לוי יצחק וועט דיר מער קיין דעה נישט זאגען אין דעם, חאטש עס טוהט מיר ווי דערויף וואס דו וועסט מיר יעצט נישט פאלגען. ווארום דו פערמאגסט א גרויסע נשמה, און איך נעטיג זיך זעהר אין דיר, ווייל...״

דא ווערט איבערגעהאקט דעם רבי׳נס רייד, ווי איינער וויל מגלה זיין א סוד און כאפט זיך אויף צוריק. ער בלייבט ווידער שטעהן ווי אין דעם פריערדיגען פארידביקות׳דיגען צושטאנד. יעדער ווארט וואס געהט ארויס פון רבי׳נס מויל, טרעפען ר׳ זיסלען ווי שטעכעדיגע שפיזלען. ער האט נאך פון זיין רבי׳ן אזעלכע רייד נישט געהערט. ער ווארט איבער איניגע מינוטן און ווען ער זעהט אז דער רבי וועט יעצט אויסהערען זיינע רייד, רופט ער זיך אן: „זאל מיר דער רבי מוחל זיין אויף מיינע מחשבות פסולות! איך בין פאהרט נישט מער ווי א מענטש. וואס קען איך טאהן אז דער יצר הרע פרובט מיר פארנארן ?! איך בין אבער מקבל אויף זיך — ענדיגט ער זיינע רייד, אויסברעכענדיג אין א גרויס געוויין — נישט מהרהר זיין חלילה אפילו אין רגע, און וואס דער רבי האט געזאגט איז ביי מיר טייער און הייליג !״

„זיי נישט געפאלען ביי דיר — בארוהיגט איהם דער רבי — מען פאלט אמאהל דורך מיט מחשבות, חאטש מען האלט נישט דערביי. איך זעה אין דיך ריכטיגען ווילען און באגער מיר צו פאלגען. — דערפאר זאג איך דיר: פאהר אהיים לחיים ולשלום, און זאלסט דינען דעם בורא באהבה. געדענק זיסל דעם גאנצען זומער זאלסטו זיך עוסק זיין נאר אין תורה און עבודה, און שטארקען זיך אין מדות טובות !״

ביי די ווערטער האט זיך דער רבי פון איהם געזעגענט, איבערלאזענדיג איהם אויף זיין ארט. אויפמארגען האט ער זיך באלד איינגעפאקט זיינע זאכען, ארויף אויפן וואגען אהיים צו פאהרען.

פארענדיג, הויבן איהם אהן דורכפליען אין די גדאנקען אלעס וואס מיט איהם האט נעכטען פאסירט. עס קלינגען איהם נאך אין די אויערען די אומפערשטענדליכע ווערטער צו איהם: „דו פערמאגסט א גרויסע נשמה״; „איך נעטיג זיך זעהר אין דיר״; „זאלסט עוסק זיין נאר אין תורה און עבודה״; און וואס האט ער זיך איינמיטען זיינע רייד אפגעהאקט, נישט וועלענדיג ממשיך זיין אין זיינע רייד. דאס אלעס האט ביי איהם ארויסגערופען א גרויס וואונדער וואס ער האט עס נישט געקענט פערשטיין.

## פרק י׳

אהיימקומענדיג, איז אין שטוב געוועזן זעהר א גרויס וואונדער. „האט איהם דער רבי ווידער בעפוילן אהיים צופאהרען?״ — טראכט ביי זיך די פרוי, זעהנדיג פון דערווייטנס איהר מאן אהיים קומענדיג. זיא ווארט איהם שוין אומגעדולדיג, צו וויסען די סיבה פון זיין יעצטיגען אהיים קומען. ווען זי דערזעהט אבער אויף זיין פנים אנדערש ווי שטענדיג, וויל זי איהם נישט מער מצער זיין און מאכט זיך נישט צופיהל צוטאהן דערפון.

ר׳ זיסל נעמט זיך פעסט צו זיין סדר היום: האלבע נאכט, שטעהט ער אויף פון שלאף, כאפט זיך אריין אין מקוה און זעצט זיך אפרעכטן תיקון חצות, וואס מיט זיינע בכיות האבען אויך שטיינערע הערצער געקענט צוגייך. ער וויינט אוף חורבן בית המקדש און קלאגט אויף גלות השכינה, עס וויינט זיך אלייך. דערמאנענדיג זיך אין דעם רבי׳נס צער און צער פון כלל ישראל. „מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה״ צעוויינט ער זיך יאמערליך. פארוואס איז אזוי גרויס דער הסתר פנים — גיסן זיך ווארעמע טרערן

פון זיינע אויגן, דערמאנענדיג זיך אין די הויכע מדרגה וועלכע ער האט זיך געפונען זייענדיג ביים רבי׳ן יום־טוב.

עס געהן אזוי אריבער עטליכע שעה ביז ער ענדיגט, און דאן זעצט ער זיך אוועק מיט גרויס התמדה און לערענט ביז די זוהן געהט אויף. דאן גרייט ער זיך צום דאוונען, וועלכע האט ביי איהם גענומען נישט ווינציגער ווי א דריי פיהר שעה. נאך דעם דאוונען, נעמט ער א שולחן־ערוך און זעצט זיך אוועק, אנגעטאן מיטן טלית און תפילין, לערנען. ערשט דאן אין די שפעטערדיגע שעה׳ן פון טאג כאפט ער זיך אהיים איבערבייסן. נאך א קורצע צייט, איז ער שוין ווידער אויפן גאס און שטעלט אפ א אידען וואס איילט זיך אין וועג.

„וואו געהט איהר, ר׳ איד״? — פרעגט איהם ר׳ זיסל.

„מען געהט זוכען א שטיקל ברויט״ — איז זיין ענטפער.

„ר׳ זיסל פרובט כאפען מיט איהם א שמועס. אבער דער איילט זיך און בעט איהם אנטשולדיגן, ער זאל איהם לאזען פארזעצען זיין וועג.

„אפשר האט איהר גאר צייט אריבער צוקומען צו מיר מארגען וועגען אוועק שיקען אביסל וואל? — לאזט ער איהם אבער נישט אפ — איך וועל אייך דערפאר גוט בעלוינען״.

„יא, פארוואס נישט, אפילו יעצט בין איך גרייט צו געהן״ — ענטפערט ער איהם.

„ביין, יעצט בעדארף איך נאך נישט, וויבאלד די סחורה איז נאך נישט געקומען. דערווייל, ביז מארגען, נעמט אייך אביסל געלט אויפן חשבון״ — זאגט איהם ר׳ זיסל, דערלאנגענדיג עטליכע רובל. דעם אידל ווערט ליכטיג אין די אויגן, און לויפט באלד אהיים דערצעהלען די פרוי וועגען דעם „מלאך״ וואס השי״ת האט איהם היינטיגען טאג צוגעשיקט.

ווען דער מארגען האט זיך אונטערגערוקט און דער אידל

קומט צו איהם וועגן זיין ארבעט, פארענטפערט זיך ר׳ זיסל דאס די סחורה האט זיך פארשפעטיגט און ער וועט איהם שוין א ידיעה געבען ווען ער זאל קומען. „דערוויל נעמט איך נאך עטליכע רובל אויפן חשבון״. אזוי ארום פלעגט ער מחיה זיין מענטשן בדרך כבוד, זיי זאלען חלילה נישט בלייבן פארשעמט.

טאמער האט זיך עס געהאנדלט וועגן א קראנקען א טובה טהון, דורך שטיצע אדער איהם מבקר זיין — ר׳ זיסל איז פון די ערשטע. זיינע טרייסט-ווערטער און זיין שטענדיגען שמייכל, איז גענוג געווען פאר דעם קראנקען איהם צו שטארקען און איהם פארגרינגערען אויף זיינע יסורים. אזוי פלעגט ער יעדען טאג פערברענגען א צייט וועגן פערשידענע כלל-זאכען, ביז די אווענד שטונדען, דאן האט ער זיך ווידער אריינגעכאפט אין בית מדרש צו מנחה — און איז שוין דארט פארבליבען עטליכע שעה אין דער נאכט, פארברענגענדיג אין פארשידענע שיעורים וועלכע ער האט געגרינדעט אדער געשטיצט.

אזוי האט ער זיך געפיהרט יעדען טאג, דורך דעם גאנצער זומער, ביז עס האט זיך אונטערגערוקט דער חודש אלול. דעם חודש האט ער אפגעגעבען „כולו לה׳״. ער האט זיך אין די טעג נישט ערלויבט צו שלאפען מער ווי דריי פיהר שעה א מעת-לעת, און איבערהויפט אין די סליחות-טעג פלעגט ער זיך כמעט ווי נישט בעוויזען אין שטוב.

געווען איז ער אליין א בעל-תפלה פון יענער שוהל וואו ער האט געדאוונט. זיין זיסע שטימע וועלכע איז בעקאנט געווען אין דער גאנצע סביבה, האט צו איהם צוגעצויגען זעהר פיהל צוהערערס. פון ווי וויט פלעגט מען צו איהם קומען הערען די ערשטע סליחות. „רצה עתירתם בעמדם בלילות״ — פלעגט אפקלינגען ווי וויט זיינע ריינהארציגע שטימע, בעטענדיג זיך צום טאטען אין הימעל. „שעה נא ברצון כקרבן כליל וכעולות״ —

האט זיך געהערט זיין תחנונים׳דיגע געבעדט, וואס נישט איין שטיינערנע הארץ פלעגט צוגיין דעהערענדיג די רייד־געבעט פון ר׳ זיסל׳ן.

גאנץ האפט פלעגט טרעפען, אז די אזוי געראפענע „ראש השנה אידען״, וואס פלעגען זיך נישט בעוויזען מער ווי צוויי דריי מאהל א יאהר אין שוהל: ראש־השנה, יום־כפור אדער אין די סליחות־טעג — פלעגען ארויסגיין פון דעם ערשטען סליחות׳דיגען טאג מיט פיהל תשובה געדאנקען וואס האט פיהל פון זיי ארויסגעפיהרט אויפן דרך הישר.

מער ווי דער איינמאהל האט מען זיין דאוונען נישט געהערט, ווארום אויפמארגען האט ער זיך שוין גענומען גרייטן זיך צו דער נסיעה צום רבי׳ן. „ווי קען מען פיהלן א טעם אין די הייליגע טעג, נישט זייענדיג ביים רבי׳ן!״ — פלעגט ער זאגען. און דערויף האט ער טאקע געהאט מסירות־נפש.

נישט ווי שטענדיג וואס ער פלעגט מיט זיך מיטנעמען גרויסע סומען ווען זיין פאהרן נאך יום־טוב צום יריד, האט ער יעצט גארנישט געוואלט מיטנעמען, אויסער א קליינע סומע וואס ער האט געדארפט ווען זיין געברויך, ווי אויך אויפצוטיילן אויף צדקה. זיין פרוי, אבער, האט איהם דערפון אפגערעדט. „וואס הארט דיר אויב דו וועסט מיט דיר יא מיטנעמען א גרעסערע סומע — טענה׳ט זי זיך מיט איהם — טאמער וועט דיר דער רבי יעצט ווידער הייסן ארויספאהרען צום יריד און דאן וועסטו בלייבען מיט לעדיגע הענט? האט דיר דער רבי נישט צוגעזאגט אז דו וועסט פון דיין מסחר גארנישט אנווערען, נאר אומגעקערט, די פערדינסטען וועלכען נאך זיין מעהר ווי פריער?!״

כאטש ר׳ זיסל׳ן האט די זאך ווינציג בענומען, פארגעסענדיג און זייענדיג אינגאנצן אויסגעטאן פון דעם מסחר — דאך האט ער זיך מיט איהר נישט געוואלט פיהל שפארען, איינערקענענדיג

אין איהר בטחון און אמונת צדיקים וואס זי האט פערמאגט. ער האט טאקע אזוי געטאן. איינגעפאקט זיינע קליידער, אויך וואס ער פלעגט שטענדיג מיטנעמען ווען ער פלעגט פארן אויף האנדעל און האט זיך געגרייט צום וועג. ער האט זיך מיט אלעמען געזעגנט און איז באלד ארויף אויפן וואגן, וועלכער האט איהם שוין געווארט אין דרויסען און איז בשלום אפגעפאהרען קיין בערדיטשוב.

פאהרנדיג, הויבט ער פאר זיך אן מאכען א חשבון הנפש וואס מיט איהם האט זיך געטאן דורך דעם גאנצען זומער. „זאלסט זעהן מרבה צו זיין אין תורה און אין עבודה״ האט מיר דער רבי געזאגט פאר מיין אוועק פאהרען פון איהם, וואו איז מיין תורה און וואו איז מיין עבודה? וואס זענען די מדות טובות וואס איך האב דורך דער גאנצער צייט אויפגעטאן? מיט וואס פאר א פנים וועל איך יעצט קומען פאר׳ן הייליגען רבי׳ן, געפינענדיג זיך נאך אין א פראסטערען מצב ווי פאר מיין אהיים פאהרן?!״ אזוי האבען איהם זיינע מחשבות געקימערט און האבען איהם נישט געגעבען קיין רוה. וואס מער ער האט זיך דערנענטערט צום שטאט — א גרעסערען פחד האט איהם ארומגענומען.

אין געגענטייל, אבער, ווען ער האט זיך דערמאנט דאס באלד וועט ער זוכה זיין צו זעהן דעם רבי׳ן און מיט איהם ריידען, פנים בפנים, האט איהם געמוטיקט און געשטארקט, און איז מיט שמחה, אויסגעמישט מיט א ציטער, אריינגעפאהרען אין שטאט.

## פרק י״א

אנקומענדיג קיין בערדיטשוב, איז ר׳ זיסל באלד צוגעפאהרען צום רבי׳נס הויף. כאטש עס איז שוין דאן געווען ערב־ראש־

השנה׳דיגען טאג, דאך האט ער אין קיין ארט נישט געוואלט אפשטייגן, און איז מיט זיין גאנצען רכוש דארט אפגעפאהרן. דעם וואגען און אלס וואס אויף איהם, האט ער בעפוילען אפצופאהרען צו דער אכסניא און ער איז באלד אריין אין הויף.

אריינקומענדיג דארט, דערזעהט ער פאר זיך אזעלכעס וואס האט ביז יעצט קיינמאהל נישט בעגעגענט. נישט ווי שטענדיג, יעדער ערב ראש־השנה אין דער צייט וואס איז שוין דאמאלט קיינער נישט געווען, האט ער פאר זיך געזעהן פיעל מענטשען וואס האבען אומגעדולדיג געווארט דער רבי זאל צו זיי ארויס קומען און זאלען נעמען שלום. ער פרעגט פערשידענע מענטשן וועגען די סיבה דערפון, קיינער אבער קען איהם דערויף נישט געבען קיין ענטפער. דער ערשטער זאגט אז ערווארט שוין צוויי שעה. א צווייטער רופט זיך אן, דאס ער ווארט שוין דא דריי שעה. קיינער קען זיך דערויף נישט אפוואונדערען און פארשטעהן וואס דא האט פאסירט, אנדערש ווי יעדער יאהר.

ר׳ זיסל, אבער, וועלכער אין איהם האט געברענט דער רצון צו זעהן דעם רבי׳נס הייליגע צורה, האט זיך פון די אלע תשובות און וואונדערונגען גאר נישט באנוגנט. ער הויבט זיך אן צו שטופען צווישען אלעמען, ביז ענדליך האט ער זיך געפונען נעבען דעם רבי׳נס טיהר, דארט האט ער אנגעטראפען איינס פון זיינע גוטע־פריינד, וועלכער איז שוין אנגעקומען באלד אינ׳ם ערשטן סליחות־טאג און ער האט שוין געוואוסט עפעס וואס איהם צו ערקלערען.

„די זאך איז גאר נישט פשוט — הויבט אן דער אלטער חסיד, ר׳ שמואל, זיין ערצעהלונג מיט גרויס ערענסטקייט — אין די עטליכע טעג וואס איך בין דא, האב איך צוגעזעהן אזעלכעס וואס איך קען איבערהויפט נישט בעגרייפן. אינ׳ם ערשטען טאג סליחות, האט זיך שוין געמערקט אז עס געהט פאהר א זעהר ערענסטע

זאך. באלד ביי זיין אריינקומען אין בית מדרש צו סליחות, האט מיר זיין צורה זעהר דערשראקען. אנדערש, גאר אנדערש, ווי שטענדיג, האט ער דאן אויסגעזעהן. פאמעלאך איז ער באלד צוגעגאנגען צו זיין ארט, נישט ווענדענדיג זיינע בליקען אויף קיינעם. דארט איז ער אויף זיין ארט געשטאנען, נישט רירענדיג זיך פון ארט. דער קאפ פערבויגען, קיין בעוועגונג האט מען אויף איהם נישט געזעהן, און אזוי איז ער א צייט געשטאנען אומבאוועגליך.

א ציטער האט דאן יעדערען ארומגענומען צוזעהענדיג די זאך. עס האט געהערשט אזא שטילקייט וואס מען האט געקענט הערען די הארץ-קלאפונג פון יעדערען. עס האט זיך קיינער נישט געהרירט פון ארט. אלעמענס אויגען איז געווען געווענדעט צום ווינקל וואו דער רבי איז געשטאנען.

מיט איינמאהל רייסט איבער די שטילקייט א יאמערליכער געשריי וועלכער האט זיך ארויסגעריסן פון רבי׳נס מויל, פאלענדיג דערביי אויף דער ערד. דער קלאפ וואס האט זיך געהערט, האט יעדערנס הארץ דורכגעשטאכען ווי א שווערד. עס האט זיך דערהערט א שטילער און א דערשטיקטער געוויין, ריידענדיג דערביי אומפערשטענדליכע רייד, וועלכע מען האט עס נישט געקענט הערען קלאהר. איך אבער — זעצט פאר ר׳ שמואל — וואס בין געשטאנען באהנט צום רבי׳ן, האב יא געהערט אלעס וואס פון זיין הייליג מויל איז ארויס.

„הייליגער פאטער! — האט דער רבי זיך אויסגעטענה׳ט — „הכלה אתה עושה בשארית השביה״? ווען וועסטו דען געפינען א בעסערע פאלק ווי ישראל וואס איז שטענדיג גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר דיינטוועגען? אדרבה, וועלכער גוי וועט זיך עס ענטזאגען פון זיין מסחר כאטש נאר אויף עטליכע מינוט, פאר דיינטוועגען, ווי עס האט געטאן דער איד, פון מיינע תלמידים,

אלס נאר וועגען דיין הייליגען נאמען! ווער נאך וואלט עס געטאהן, אויסטויהענדיג זיך איינגאנצען פון האנדל אויף אזא לאנגע צייט ווי דער איד! ווי קען איך, רבש״ע, צוזעהן און זאגען אשרי יושבי ביתך אויב דו ועסט נישט יעצט מבטל זיין די גזירה?״

ר׳ זיסל שטעהט מיט א אפענעם מויל און הערט זיך גוט צו אלעס וואס דער חסיד פערצעהלט. ער הויבט צוביסלעך אן פערשטיין די כוונה פון רבי׳ן מיט זיין אהיים שיקען איהם פסח און ווידער נאך שבועות. ער שטעלט זיך פאהר וועגען די גזירה רעה וואס שוועבט איבער דעם כלל ישראל, וועלכער דער רבי שטרענגט זיך אזוי פיעל עס מבטל צו זיין. עס כאפט איהם אהן א שוידער הערענדיג ווי דער רבי רעדט מיט אזא בעוואונדערונג וועגען „דעם איד״ וואס האט אלס מפקיר געווען — פאהרשטעלנדיג זיך אויף וועמען ער האט געציהלט זיינע רייד. ער בלייבט ביי זיך צובראכען און דערשלאגען, איינזעהענדיג דעם גרויסען אחריות וואס ער האט אויף זיך געטראגען ביז יעצט, ווי אויך דעם גרעסערען אחריות אויף ווייטער. „ווער ווייס ווי גרויס דער קטרוג איז און וואס פאר א שווערע גזירה עס שוועבט איבערן כלל ישראל — האט ער ביי זיך געטראכט — און וואס בין איך וואס אויף מיר איז ארויפגעלעגט געווארען אזא גרויסע אחריות פון דער זאך?!״

ר׳ שמואל נעמט נישט אראפ קיין אויג פון ר׳ זיסל׳ן, זעהענדיג די גרויסע ערנסקייט און אינטערעס וואס זיינע רייד האבען אויף איהם געמאכט, ווי ער שלינגט יעדער ווארט וואס קומט ארויס פון זיין מויל. ער לאזט איהם אביסל פערטראכט אין זיינע געדאנקען, און דערנאך זעצט ער ווידער פאהר זיינע רייד:

„און דאס איז נאך נישט אלעס, טייערער ר׳ זיסל, דער רבי הערט נישט אויף פון זיין שטילן געוויין וועלכער ווערט צוביסלעך העכער און העכער, בעטענדיג זיך ווידער: „זיסער פאטער, וואס איז לוי יצחק שולדיג אז דורך דעם כופר איז דער הייליגער ספר

ארייַנגעפאַלען צו זייַנע קינדער די רשעים און זענען דערפון יוצא? וועד ווי דו ווייסט נאָך וויפיל כוחות איך האָב דערין אַרייַנגעלעגט, דעם ספר פון די חיצונים אַרויסראַטעווען?״

„אַזוי איז ער געלעגען און געוויינט אַ צייט, ביז ער איז אויף אייַנמאָהל שטיל געבליבן. שטעהענדיג נעבען רבי׳ן — דערצעהלט ווידער ר׳ שמואל — און אויסערענדיג אַזעלכע רייד, האָב איך געמיינט אַז מייַן חיות לאָזט זיך אויס, און איך האָב נישט געוואוסט וואָס מיט מיר טוהט זיך. אַזעלכע אומפערשטענדליכע רייד, מיט אַזעלכע בכיות און יללות, האָב איך נאָך ביז יעצט ביים רבי׳ן קיינמאָהל נישט געהערט. ה׳ ירחם, דער אויבערשטער זאָל אויף אונז רחמנות האָבען און מבטל זייַן די שווערע גזירה וואָס, ווי עס ווייזט אויס, שוועבט איבערן כלל ישראל.״ — ענדיגט ר׳ שמואל זייַן ערצעהלונג.

ר׳ זיסל, הערענדיג די רייד, הויבט ער אָן צובּיסלעך פערשטיין וואָס קומט פאָהר. „ווי עס זעהט אויס איז די הייליגע ספר־תורה אַרייַנגעפאַלען בייַ מכשפים, וועלכע דורך דעם הערשט אַ גרויס קטרוג אויפן כלל ישראל״ — רעדט ר׳ זיסל ווי צו זיך.

„יאָ, יאָ — ענטפערט דער חסיד — איך דענק אַז דער רבי האָט גאַנץ קלאָהר אַרויסגעגעבען אַלס וואָס קומט פאָהר״.

„וואָס האָב איך אָבער פאַר אַ שייכות — קען זיך ר׳ זיסל נישט בּאַרוהיגען — און ווי אַזוי בּין איך, פּשוט׳ער סוחר, אַרייַנגעמישט דורכדעם רבי׳ן אין אַזאַ גרויסע סכנה?!״

„פון דאַן — דערצעהלט ווידער ר׳ שמואל — בּעווייזט זיך נישט דער רבי פאַר קיינעם, אויסער דעם מאָהל וואָס ער געהט פון זיך שטוב אַרייַן דאַוונען אין בית מדרש, אויך גאָר אַנדערש ווי שטענדיג: ער קוקט נישט און ריידט נישט צו קיינעם. ער לאָזט צו זיך קיינעם נישט אַרייַן דורך דעם גאַנצען טאָג, פערמאַכט און פערשפאַרט. עס דערוואַגט זיך קיינער אין אַזאַ צייט נישט

ארײַנצוגיין און פרעגן: על מה ולמה?! און האט דא — װײַזט ער מיטן פינגער אויפן עולם — האסטו אלעמען װעלכע דרעהן זיך ארום פער׳מרה־שחורה׳דיג, פערדאגה׳ט, נישט װיסענדיג װאס דא טוהט זיך. פיעל װארטען שוין דא עטליכע טעג, אפשר װעלען זיי פאהרט קענען ארײַנכאפען זיך צום רבי׳ן, אבער — אין קול ואין קשב. האט איז שוין באלד מיטאג, און דער יום־טוב רוקט זיך אונטער אין עטליכע שעה ארום, און װער װייס װאס װעט זיין די ענדע!״

שטעהנדיג אזוי און ריידען, גיט זיך פלוצלונג א עפען אויף די טיהר און דער רבי בלײַבט שטעהן ביי דער טיהר, װארפענדיג זײַנע בליקען אויף ר׳ זיסל׳ן. ר׳ זיסל בלײַבט א דערציטערטער פון דעם פלוצלונגען באגעגעניש. פאר זײַנע אויגען װערען פארווירקליכט אלעס װאס ער האט פריער געהערט פון ר׳ שמאל׳ן װעגען דעם רבי׳ס אויסזיכט. נאך איניגע סעקונדען, געהט ר׳ זיסל, לויטן רבי׳נס װאונק, צו איהם ארײַן אין צימער. „װי איך פארשטעה — הויבט דער רבי אן זײַנע רייד נאך דעם שלום־געבען — האסטו אלעס געפאלגט װי איך האב דיר געהייסען. איך שטעל מיר אויך פאהר דאס דו װייסט שוין אביסל װאס דא קומט פאהר. איך קען דיר אבער מער נישט ערצעהלען, נאר אזוי פיהל אז עס איז א עת צרה ליעקב און מיר דארפען פארלעגען אלע כוחות די גזירה מבטל צו זיין. איך דארף דיר האבען, זיסל מיין טייערער, דו זאלסט מיר דערצו צוהעלפען, װארום דו ביסט דער אייציגער װאס קען מיר יעצט באהילפיג זיין אין דער שװערע עבודה. לאמיר זיך שטארקען און השי״ת זאל אונז זיין צו הילף.

„הייליגער רבי — ענטפערט ר׳ זיסל — איך בין מוכן ומזומן יעדער רגע זיך מוסר נפש זיין פארן כלל ישראל. װאס דער רבי װעט מיר הייסען, בין איך גרייט צו טאן, אן קיין הרהור ח״ו״.

„מען דארף נישט פארגעסען — זאגט דער רבי — אז היינט

איז שוין ערב יום־טוב און מען מוז זיך גרייטן צום הייליגען טאג. געה יעצט צו דיין אכסניה, גרייט זיך צום גרויסען יום־הדין, און השי"ת זאל דיר געבען כוחות זאלסט קענען מיר באהילפיג זיין אין דער שווערע ארבעט וואס קומט יעצט. למען השם — ענדיגט דער רבי זיינע רייד — פאר תקיעת שופר זאלסטו צו מיר אריינקומען, דאן וועט מען דארפען זעהן די גרעסטע און לעצטע כוחות אין דער מלחמה קעגען די מקטרגים, און השי"ת זאל אונז געבען א געבענטשט און געהאלפען יאהר פארן גאנץ כלל ישראל".

„אמן" ! — האט ר' זיסל געענטפערט מיט א צובראכען געמיט. זעהענדיג אז עס איז שוין זעהר שפעט, איז ר' זיסל באלד געלאפען צו דער אכסניה, גענומען קליידער און באלד געגאנגען זיך טובל'ן לכבוד דעם הייליגען טאג און ביז עטליכע מינוט איז שוין ר' זיסל געווען גרייט, אנגעקליידעט אין ווייסען, צוגיין אין שוהל, דארט איז ער געקומען נאר וואס מען האט אנגעהויבען דאווענען.

## פרק י"ב

גאר ווינציג האבען געמערקט, באלד ראש־השנה אינדערפרי, ווען דער רבי געהט אין מקוה און אהנטער איהם ר' זיסל. עס איז נישט שווער געווען צו דערקענען דעם שרעק וועלכע האט ר' זיסל'ן ארומגענומען טראכטענדיג וועגען דעם צוקונפט, נישט פארגעסענדיג דעם אחריות וואס ער טראגט אויף זיך. ער שטארקט זיך מיט אלע קרעפטען און געהט נאך דעם רבי'ן. נאך זייער טובל'ן זענען זיי באלד ביידע געגאנגען אין בית־מדרש.

„טייערע אידן ! — רופט זיך אהן דער רבי אריינקומענדיג אין שוהל — עס דארף יעדערער וויסען אז עס דראהט אויף אונז

א שווערע גזירה, און יעדערער בעזונדער דארף זיך צוגרייטן די גזירה מבטל צו זיין. לאמיר אלע מיט א אמת תשובה טאן און מיטן גאנצען הארצען, וועלען מיר זיכער זוכה זיין אונזערע תפלות זאלען ארויפגיין צום כסא הכבוד און מיר וועלען געהאלפען ווערען מיט א גוט געבענטשט יאהר".

„אמן"! — האט זיך דערהערט א אויסגעשריי.

ערשט-דאן האט דער רבי אנגעהויבן זאגען „אדון עולם" מיט גרויס התלהבות, וועלכע האט זיך נישט אויפגעהערט ביז נאך שחרית. נאך קריאת התורה איז ער ארויף צו זיך אין צימער, און מיט איהם ר' זיסל, דארט זענען זיי ביידע געווען פארמאכט א צייט. עס האט קיינער נישט געוואוסט וואס אין דער צייט קומט פאהר צווישן זיי, נאר וואס יעדערער האט זיך פארגעשטעלט אז דער רבי גיבט איהם יעצט איבער די כוונות פון די תקיעות, וואס ער וועט דארפען מכוון זיין, אלס מקריא. באלד נאכדעם האט מען געזעהן ווי זיי געהן צום ריכטונג פון מקוה, טובל זיין זיך פאר די תקיעות.

דער זייגער איז שוין דאן געווען שפעט, און דער רבי איז נאך נישטא. א אומעט האט אנגעהויבן פאלען אויף אלעמען, וויסענדיג אז צום ערשטען מאהל וואס טרעפט דער רבי זאל זיך אזוי לאנג זאמען פאר די תקיעות. ענדליך, אבער, האט ער זיך בעוויזן אין בעגלייטונג פון ר' זיסל'ן, וועלכער האט פון שרעק קוים גשלעפט די פיס געהענדיג אין בית מדרש. דער רבי איז באלד, מיט ר' זיסל'ן ארויף אין צימער, און אין עטליכע מינוטן האט מען שוין געזעהן דעם רבי'ן, האלטענדיג אין האנט עטליכע שופרות, און אויך ר' זיסל מיט עטליכע סידורים אין האנט, אריינקומענדיג אין שוהל.

דער רבי בלייבט שטעהן ביי דער מזוזה, בלאס ווי די וואנט, האלטענדיג אויף איהר די האנט, און זאגט שטילערהייט:

„רבונו של עולם! דו ווייסט דאך גאנץ גוט דעם אמת, אז אלעס וואס איך טהו איז נאר וועגען דייך גרויסען נאמען און וועגען דיין הייליג. פאלק ישראל. איך בעט דיר דעריבער: חזקני ואמצני, גיב מיר כח און קראפט איך זאל קענען מכניע זיין די געפערליכע שלענג!"

ווען ער האט די תפלה געענדיגט, איז ער באלד צו דער בימה צוגעגאנגען, דארט איז ער געבליבען שטעהן, איבערגעדעקט מיטן טלית, א קורצע צייט, נישט ריהרענדיג זיך פון ארט.

„למנצח לבני קורח מזמור — — —" דערהערט זיך אויף איינמאהל פונ׳ם רבי׳נס מויל א אויסגעשריי, איבערהאקענדיג די שטיל-שוויגענדע שטילקייט וואס האט געהערשט. דער קהל, מיט גרויס כוונה און בכיות, זאגט צוזאמען זיבען מאהל „למנצח", ביז צו די פסוקים פון „מן המיצר" און ווייטער, וואס דאן זאגט דער רבי אליין יעדער פסוק בעזונדער און דער קהל נאך איהם. פאר די ברכה איז דער רבי שטיל געבליבען עטליכע מינוט. די גאנץ נאהנטע וועלכע זענען נעבען איהם געשטאנען, האבען איהם געהערט שעפשענדיג א שטילע תפלה:

„רבונו של עולם, גרויס איז דער עונש פון א ברכה לבטלה. ווער ווי דו ווייסט נאך אז לוי יצחק האט נאך ביז היינט קיינמאהל קיין ברכה לבטלה נישט געמאכט. בעט איך דיר, געטרייער פאטער, איך געה יעצט מאכען די ברכה פון תקיעת שופר, העלף מיר עס זאל חלילה נישט זיין קיין ברכה לבטלה און איך זאל קענען בלאזען ווי געהעריג".

ווי א דונער האט זיך פלוצלונג דערהערט דעם רבי׳נס ברכה. יעדער ווארט האט ווי יעדערענס הארץ דורכגעשטאכען. לאנג האט זיך שוין אין דער בית מדרש נישט געהערט אזא „אמן" ווי ביי די יעצטיגע ברכה.

„תקיעה!״ — הערט זיך ר׳ זיסל׳ס קול וואס איז געווען דער מקריא, קוים וואס קען זיך באהערשען פון שרעק.

עס הערשט א שטילקייט. דער רבי הויבט אן בלאזען — עס בלאזט אבער נישט! ער פרובט איינמאהל, א צווייטען מאהל — עס הערשט אלס א שטילקייט. ער נעמט באלד דעם שופר און לעגט האסטיג אוועק אין א זייט, און נעמט באלד ארויס א צווייטען שופר. ער בלייבט שטעהן מיטן שופר אין האנד, דער פנים פלאמט ווי א פייער, און זיין צורה ווארפט א שרעקליכער פחד. אזוי איז ער געשטאנען עטליכע מינוט. דאן דערנענטערט ער צום מויל דעם צווייטען שופר, און לויט א וואונק, הערט זיך ווידער א טרייסלדיגע שטימע:

„ת ק י ע ה!״

ווידער א שטילקייט. עס בלאזט נישט———

שווער, זעהר שווער, איז צו שילדערען דעם מצב ווי עס האט אין יענער מינוט אויסגעזעהן. יעדערער איז געבליבען אויף זיין ארט אומבאוועגליך, איינגעהאלטען דעם אטעם פון שרעק. אלעמענס בליקען, וואס האבען ארויסגערופען אימה און פחד זענען געווענדעט צום רבי׳ן, נאכקוקענדיג יעדער תנועה. עס דוכט זיך יעדערען אז עס קומט דער סוף פון דער וועלט. יעדער איינער האט איינגעזעהן ווי דער שטן האט זיך דא פארלעגט מיט זיינע גרעסטע כוחות.

ער נעמט ווידער דעם שופר און מיט א האסטיגען באוועגונג, עס בעזייטיגט אין א זייט. ער נעמט א דריטען שופר אין דער האנט, ווי עס וואלט געהייסען: יעצט איז שוין דער לעצטער מאהל, אויב חלילה עס וועט יעצט נישט בלאזען...

„ת ק י ע ה!״ — הערט זיך צום דריטען מאהל ר׳ זיסל׳ס קול.

דא האט זיך באלד דערהערט א שארפען און דורכרייסענדיגען

קול, אזוי קלאהר און דייטליך, וואס האט זיך שוין לאנג נישט געהערט. אזוי האט זיך געהערט אלע תקיעות, נישט האבענדיג קיין איינציגער שטערונג.

א פרישער היות האט אלעמען ארומגענומען. יעדערער האט ווי אפגעאטעמט. דערזעהענדיג די פרייליכע און ליכטיגע צורה פון רבי'ן, ווי עס האט זיך פאר זיי בעוויזען נאך די תקיעות, האט אין זיי א נייער לעבהאפט ארייגעבלאזען, וויסענדיג אז ענדליך האט דער כח פון רבי'ן געזיגט קעגען די טומאה, און די גזירה רעה איז מיטן אויבערשטינס הילף בטל געווארען.

די שמחה וואס האט פון יעדען ארויסגעבראכען האט זיך באלד דערקענט אינ'ם גאנצען בית מדרש. עס האט קיינער מיט אזא שמחה קיינמאהל נישט געדאווענט אין דעם הייליגען טאג, וויסענדיג אז עס איז גענצליך אריבער די גרויסע סכנה וואס האט געשוועבט אויפן כלל ישראל, און איינערקענענדיג אין דעם פרייליכן שטימונג וואס דער רבי האט זיך יעצט געפונען, נאך אזוי פיהל צייט פון מרירות.

מוצאי יום־טוב, נאך הבדלה, האבען זיך די מקורבים דערנעהנטערט צום רבי'ן, הערען פון איהם וועגען דער גאנצער געשיכטע וואס האט זיך אפגעטאן דעם נעכטיגען טאג.

„דאס יאהר — הויבט ער אהן דערצעהלען — האט געהרשט איבערן כלל ישראל א קטרוג וואס איך האב נאך קיינמאהל ביז היינט נישט באגעגנט. דער שטן, אין פארעם פון דריי געפעהרליכע מכשפים, וואס שטאמען פון א איד, האבען פארלעגט אלע גרעסטע כוחות זייער קטרוג קעגען אידן דורכצופיהרן. די אידישע תפלות זענען געבליבען שטעהן פאר די שערי רחמים ווי סטאדעס שעפאלאך וועלכע א שלאקס־רעגען קלאפט איבער זיי מיט אהן־רחמנות'דיגע קלעפ און זוכן פאר זיך א שוץ־פלאץ נעבען ארייגאנג, און קענען די פערמאכטע טיהר נישט עפענען.

„איך האב פאר זיך קיין אויסוועג נישט געזעהן ווי די געפעהרליכע ווענט דורכצוברעכען, ווען נישט אונזער איין־איינציגער בורא וואס האט אויף אונז רחמנות געהאט און מיט זיין הילף איז די אייזערנע טויערען, ביי תקיעת שופר, דורכגעבראכען געווארען, און אלע תפלות זענען ארויף פארן כסא הכבוד אהן שטערונג.

„און זאל השי״ת העלפען — האט ער געענדיגט זיין קורצן ערצעהלונג — מיר זאלען דעם יאהר געהאלפען ווערען מיט א גוט געבענטשט יאהר פארן גאנצען כלל ישראל״.

אויף מארגען האט זיך דער רבי געווענדעט מיט זיינע רייד צו ר׳ זיסל׳ן: „גרויס איז דיין זכות וואס דו האסט זוכה געווען אין מבטל זיין די גזירה. איך קען דיר נאך יעצט נישט ערצעהלען איינגאנצען וואס דא איז פארגעקומען. דורך א קורצע צייט וועסטו שוין דערפון אליין געוואהר ווערען. נאר וויסען זאלסטו, אז וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק״.

כאטש ר׳ זיסל האט זעהר געוואלט וויסען פון דער פארבארגעניש וואס דא איז פארגעקומען, דאך האט ער זיך נישט ערלויבט איבער־צופרעגען וועגען דער זאך. די פרייד וואס האט איהם ארומגענומען, זעהענדיג ווי דער רבי איז געווען זעהר אויפגעלעגט און פריילך, הערענדיג דערצו אזעלכע רייד פון רבי׳ן, האט איהם זעהר ערמוטיגט און דערפרייט.

אהיימקומענדיג אין זיין אכסניה, האט ר׳ זיסל פון גרויס שמחה אפגעטאנצט עטליכע שעה, און אלעמען ערצעהלט וועגען די גזירה רעה וואס איז דורכן רבי׳נס כח בטל געווארען.

## פרק י״ג

באלד מיטן זוהן־שפראצן פון דעם צום־גדליה׳דיגען טאג, האט זיך ביז בערדיטשוב דערטראגען די אינטערעסאנטע נייעס וואס האט געטראפען נישט ווייט פון דער שטאט. אין דעם שטעטיל וואס געהערט צום יונגען גראף איוואן סערגיעוויטש שאפניקוו, איז געשעהן א שרעקליכער איבערפאל, וועלכע האט זיך געענדיגט מיט צוויי דערמארדעטע. דעם יונגען גראף און זיין ברודער, האבען זיי דערמארדעט אויפן ארט, און דעם גאר עלסטען האבען זיי נאר שווער פערוואונדעט, און איז געבליבען אהן פיס, און די דאקטוירים גיבען איהם קיין האפענונג צום לעבען.

די פאליציי האבען באלד אנגעהויבען מאכען א שטרענגען פארשטונג און נאכזוכען די רוצחים. זיי בלייבען אבער שטעהן דארט וואו זיי האבען אנגעהויבען, נישט געפינענדיג קיין שפוהר פון דער גאנצער פאסירונג. דאס גאנצע געשעהעניש איז א רעטעניש. קיין געלד האבען די רוצחים נישט צוגענומען. קיין אנדערע ווערד־זאכען, וועלכע האבען דארט נישט געפעלט, האבען זיי אויך נישט בעריהרט. וואס איז, אויב אזוי, די סיבה פון דער רציחה? דער וואונדער איז געווען נאך גרעסער, בעטראכטענדיג דאס די געשעהעניש איז פארגעקומען נישט אין קיין קליין דערפעל, און אין מיטען טאג, שומרים פון אלע זייטען — און דאך האט אזא מאלער געקענט טרעפען.

מער פון אלעס האבען די פארשטערס נישט געקענט פערשטיין איינזעהענדיג אזביידע ברידער זענען אויף איין אופן אומגעקומען. עס האט זיך אויף זייערע קערפערס נישט דערקענט קיין איינציגען קלאפ, קיין טראפ בלוט האט זיך אויף זיי נישט בעוויזען. מען האט ביי אלעמען געפרעגט, די וואס האבען זיך דאן אין הויז געפונען, קיינער קען אבער דעריוף קיין ענטפער נישט געבען. עס האט

קיינער נישט בעמערקט קיין בעזונדערס אין יענעם טאג, אויסער וואס די גראפען איז אין יענעם פארנאכט אריין אין צימער, האט זי דאן בעמערקט די שרעקליכע סצענע וועלכע האט איהר באלד אריינגעווארפען אין א שטארקע חלשות, און אזוי ארום האט איהר דינסט, וואס האט עס פונדערווייטענס געמערקט, אנגעהויבן שרייען, וואס דורך דעם האבען זיך אלע אנוועזענדע צוזאמענגעקומען. אנדערע האבען געפרובט די ברידער אויפמינטערען, אנדערע האבען זיך גענומען צו די פארחלש׳טע פרוי, פיעל זענען גאר געלאפען נאכזוכען די רוצחים. עס איז אבער דערפון גאר נישט ארויס, מען האט אויף קיינעם קיין חשד נישט געהאט וועגען דער זאך.

די פאליציי, נישט וויסענדיג וואס צו טאן אין דער פאל, האבען זיי וועגען דעם איבערגעגעבען צו די העכערע פון זיי, צוגעבענדיג אז מיט דעם פערוואונדעטען אליין קען מען איבערהויפט נישט ריידן, ווארום זיין מצב איז זעהר שווער. אבער אויך די גרעסערע האבען דערצו קיין זאך נישט געקענט טאן. אויך זיי האבען זיך געפונען אין דעם זעלבען רעטעניש ווי די פריערדיגע, נישט געפינענדיג קיין פתרון.

## פרק י״ד

עטליכע טאג נאך יום־טוב האט ר׳ זיסל שוין אנגעהויבען קלערען וועגען אהיים פאהרען. א אומעט האט איהם ארומגענומען טראכטענדיג וועגען זיין איבערלאזען דעם רבי׳ן און פאהרען אהיים, איבערהויבט נאך אזעלכע הייליגע טעג און אזא שווערע עבודה.

נישט האבענדיג אבער קיין ברירה, איז ער אריין צום רבי׳ן זיך געזעגענען און נעמען א ברכה ער זאל אויך ווייטער זוכה

זיין צו דינען דעם אויבערשטען ווי עס דארף צו זיין. ווי עס איז צופערשטיין, האט ער וועגען זיין מסחר איבערהויפט נישט דערמאנט, זייענדיג אינגאנצען אויסגעטאן דערפון.

„האסט זיך שוין צוגעגרייט צום יריד? די בעלי־עגלות זענען שוין גרייט צום פאהרען? — פרעגט איהם דער רבי — פארגעס נישט, זיסל, דאס די גאנצע סחורה פון דער גאנצער צייט וואס דו האסט נישט געהאנדעלט, ליגען נאך ביי די פריצים און ווארטען אויף דיר דו זאלסט עס אפקויפען!״

ר׳ זיסל ווערט אינגאנצען איבערראשט פון אזא אונערווארטעטע פראגע. ער ענטפערט אבער באלד: „איך האב איבערהויפט קיין זאך נישט באשטעלט און צוגעגרייט, וויסענדיג אז איך האב שוין מיט מיין מסחר גענצליך אפגעשלאסען!״

„בייך, מיין טייערער — ענטפערט דער רבי — ווי דו קענסט זיך שוין אליין איבערצייגן האט דייך אפהאלט געדארפט זיין א צייטווייליגע זאך, און יעצט קענסט דו ווידער זיך נעמען דערצו, און השי״ת וועט דיר געוויס געבען ברכה און הצלחה אין אלעס — נאך אין א גרעסערע מאס ווי ביז יעצט. גיי באלד אוועק אין גאס, גרייט צו וואס מען דארף, אויף ארויסצופאהרען צום יריד, ווארום די אלע דיינע סוחרים ווארטען שוין אומגעדולדיג אויף דיין קומען״.

„איך האב דאך אבער נישט מיט געגומען אזוי פיהל געלד אויף אפצוהאנדלען אויף אייגמאהל די אלע דריי סיזאנען וואס איך האב פארפעלט?!״ — רופט זיך אפ ר׳ זיסל.

„דעם אויבערשטען דארף מען נישט געבען קיין עצות. אז ער וויל וועט די ביסעל געלט וואס דו האסט, אויך גענוג זיין, און אפשר נאך צופיהל!״ — האט דער רבי איהם געענטפערט.

ר׳ זיסל, דער מאמין און בעל בטחון, האט מער קיין ווארט נישט איבערגעפרעגט. ער האט באלד געבעטען זיינס א בעקאנטען

ארויסצוגיין אין גאס און באשטעלען עטליכע בעלי־עגלות. ער אליין איז צוגעגאנגען צו דער אכסניה, און דארט האט ער זיך אלעס איינגעפאקט און צוריק געקומען צום רבי׳ן געזעגענען זיך — דארט האט ער שוין געטראפען די בעלי־עגלות ווי זיי ווארטען אויף איהם.

אריינקומענדיג ווידער צום רבי׳ן, ווינטשט ער איהם ווידער צו ברכה און הצלחה אין זיינע געשעפטען בעגליקט מיט כל טוב, צוגעבענדיג דערביי ועגען זיין פערשטארקען זיך אין תורה און עבודה. ווען ר׳ זיסל הויבט זיך שוין אויף ארויסצוגיין, רופט איהם דער רבי צוריק, מיט זיין שמייכלדיגען פנים:

„ווייסטו אז פאר דיר איז יעצט אנגעגרייט גרויס עשירות, דורך דעם וואס איך האב פאר דיר דער גאנצער צייט אפגעהיט די פריצים זאלען זייער סחורה פאר קיין צווייטען נישט פארקויפען? דענקסטו דען נישט אז מיר קומט דערפאר מעקלעריי געלד?״

„געוויס, געוויס! — ענטפערט ר׳ זיסל צושראקען — איך בין גרייט אוועק צו געבען מיין גאנצען פארדינסט פאר׳ן רבי׳ן״.

„ניין, מיין קינד, לוי יצחק דארף קיין געלט נישט. נישט דאס איז געוועזן מיין כוונה״.

ר׳ זיסל בלייבט שטעהן. נישט וויסענדיג וואס צו ענטפערען, בלייבט ער שטיל. ווען ער זעהט, אבער, אז דער רביווארט אויף זיין אנטווארט, שטעלט ער זיך איין און זאגט:

„אפשר וועל איך זוכה זיין דער רבי זאל פון מיר נעמען א מתנה?״

„א מתנה — דאס יא. עס איז דוקא זעהר פאסיג — ענטפערט דער רבי — איך מיין אבער נישט, מיין קינד, א מתנה ווי דיין באגריף, נאר עפעס אנדערש, גאר אנדערש ווי דו קלערסט. נישט קיין גאלדערנע אדער זילבערנע מתנה, — הערכערס, העכערס...! און יעצט זיסל — שטרעקט ער איהם אויס די האנט אלעס געזעגענען

זיך, נישט ווארטענדיג מעהר אויף קיין ענטפער פון איהם — פאהר געזונטערהייט לחיים ולשלום און זיי מצליח. איך האף אז דו וועסט פון דער מתנה נישט פארגעסען. דורך דער צייט וועסטו שוין אליין זעהן וואס עס מיינט".

כאטש די רייד איז נאך ביי איהם געווען פערבארגען, דאך האט ער מער נישט געפרעגט קיין ווארט און האט זיך געזעגענט און אוועק געפאהרן. די לעצטע רייד האבען איהם נישט געגעבען קיין רוה. „וועלכע מתנה קען דער רבי מיינען" קלערט ער אהן א אויפהער. דערמאנענדיג אבער אין'ם רבי'נס רייד דאס „דורך די צייט וועסטו שוין אליין זעהן וואס עס מיינט" האבען איהם צוביסלעך בערוהיגט.

אפפאהרענדיג עטליכע שטונדען, מאכט ער זיין ערשטע סטאנציע ביים פריץ וואו ער פלעגט דארט שטענדיג מיט איהם האנדלען. אין דרויסען האט ער איבערגעלאזען אלע וועגענער, אביסעל ווייטער פון זיין הויז, און ער אליין איז אריין ביים פריץ אין הויף. ווי דער דינער פון הויף האט איהם דערזעהן, איז ער באלד אריינגעלאפען צום פריץ און איהם אנגעזאגט אז דער „וואל אידל" איז געקומען. דער פריץ איז זעהר ערשטוינט געווארען פון דער ידיעה, מיינענדיג אז דער אידל איז שוין לאנג געשטארבען, ווייל ער איז שוין אזוי לאנג צו איהם נישט געקומען, און זייענדיג אין דער מחשבה, האט ער שוין געקלערט אין די נאהנטע טעג אליין אריינצופאהרען אין שטאט די סחורה צו פערקויפען.

„זאל ער שוין אריינקומען" — בעפוילט ער צום דינער.

„פריידן צו דיר מיין פריינד — רופט דער פריץ אויס באלד ווי ער האט איהם דערזעהן. — וואו ביסטו געווען אזוי לאנג? איך האב שוין נישט געוואוסט וואס צו קלערען ארום דיר. ווי עס איז צו דערקענען אויף דיר, ביסטו געוויס א צייט קראנק געווען?"

„א דאנק גאט, איך בין געזונט — האט ער איהם אפגעענטפערט

ערשטען וויל איך דו זאלסט פון מיר צונעמען די סחורה. איך האב מיט דיך געהאנדלט שטענדיג און איך וויל אויך ווייטער נאר מיט דיר האנדלען. דו ביסט א בעגלייבטער מאן און אויף קיינעם האב איך נישט קיין צוטרוי״.

„אויב אזוי — שטעלט ר׳ זיסל אן א פנים — זעה איך אז איך האב פאר מיר קיין ברירה נישט און איך וועל פון דיר מוזן צונעמען די סחורה, דיר צוליב טאן״. אזוי האט ער איהם בעצאהלט די טויזנט רובל פאר די סחורה, האטש עס איז ווערד געווען פיעל מאהל אזוי פיהל, און האט אנגעלאדנט די סחורה אויף עטליכע וועגענער. די בעלי־עגלות האט ער באלד מיט דער סחורה געהייסן פאהרען צום יריד און ער איז ווידער אפגעפאהרען צום צווייטן פריץ. דארט האט ער אויך אפגעהאנדלט ווי ביים ערשטן און אזוי ווייטער ביי די אנדערע. די וועגענער מיט די פוהלע סחורה האט ער אוועק געשיקט צום יריד און ער איז ווייטער געפאהרען און בעזוכט זיינע אלטע „קליענטען״. אזוי ארום האט ער ביי יעדערן אפגעקויפט זיין סחורה, נאר אלעס „רחמנות״, בעצאהלענדיג דערפאר וויניגער ווי די ריכטיגע ווערדע, און האט דערפון פארדוגען מער ווי ער וואלט דורך די דריי מאהל בעזונדער פארדינט.

ווען ער איז שוין געווען אויפן וועג צוריק, דערמאנט ער זיך דאס ביים יונגען פריץ „שעפניקאוו״ האט ער נאך נישט בעזוכט. ער דרעהט זיך באלד אום און פאהרט צום ריכטונג פונ׳ם יונגען פריץ ניקאליי סערגעוויטש שעפניקאוו.

## פרק ט״ו

ר׳ זיסל, נישט וויסענדיג פון אלעס וואס האט מיט די דריי ברידער פריצים פאסירט, איז באלד אריינגעפאהרען אין הויף פון

— נאָר ליידער איז דער מסחר זעהר קראַנק. און אויך יעצט, מיין פריינד, בין איך נישט געקומען אפּצוקויפען דעם וואָל, צוליב דעם מאַרק וואָס איז אין דער מאָמענט זעהר שלעכט. מיין יעצטיגער קומען צו דיר האָט אַ אַנדער ציל. וויסענדיג אַז אין דער שלעכטע לאַגע, נויטיגסטו זיך געוויס אין געלד, בין איך געקומען דערוויל אויסלייען דיר טויזנט רובל, אפּנעמענדיג סחורה אַ אַנדער מאָהל".

דעם פריץ ווערט טונקל אין די אויגן. געמיינט האָט ער, אַז ער וועט יעצט ביי איהם אפּקויפען די גאַנצע סחורה, אפּנעמענדיג דער פּאָר עטליכע טויזנט רובל, און דערוויל הערט ער גאָר מער נישט ווי טויזנט רובל, און דאָס אויך נאָר אַלעס הלואה! „מאַכסטו דען פון מיר שפּאַס? — פרעגט ער איהם מיט אַ שמייכל — איז דען מיין יעצטיגע סחורה נישט ווערד מער ווי פינף זעקס מאָהל טויזנט רובל?"

„האַנדל איך דען אין דער זאַך צום ערשטען מאָהל? פאַרגעס נישט דאָס איך האָב נאָך מיט דיין פאָטער געהאַנדעלט מיט דער זאַך. אַה, וואָס אַ פאָטער דו האָסט געהאַט — הויבט ער אָהן אַביסל אוועקגיין פון דעם שמועס — עס איז כמעט נישט צו באַגעגענען אַזעלכע מענטשען! עס געדענקט זיך מיר נאָך גאַנץ גוט ווי איך האָב דייך פאָטער צוגעוואונטשן ער זאָל האָבען פון איהם פיעל נחת, אַנווייזענדיג אויף דעם קינד וואָס האָט זיך דאַן געדרייט צווישן אונז, און ווי ער האָט דערפון הנאה געהאַט. איך וואָלט עס גאָר נישט געגלויבט, זעהענדיג יעצט פאַר מיינע אויגען, דאָס יענער אינגאַלע איז נישט קיין אַנדערער נאָר מיין פריינד וואָס איך טהו יעצט מיט איהם ריידן..."

„וואָס וועל איך אָבער טאָן מיט די גאַנצע סחורה? — פרעגט איהם ווידער דער פּריץ רייבענדיג די הענט פון שמחה, נאָך די שבחים וואָס ר' זיסל האָט איהם צוגעטיילט — הער אויס וואָס מיין פּלאַן איז, איך וועל נעמען פון דיר דאָס געלט, אָבער צום

דעם פריץ. צוקומענדיג ביי די הויפט טיהר, בלייבט ער זעהר פערוואונדערט. דער טויער אפגעשלאסען, א שווארצער פאהן, אלעס טרויער, הענגט איבער די טיהר און קיינער בעוויזט זיך נישט אין דרויסן. שטעהענדיג אזוי פערוואונדערטערהייט, קומט פונקטליך אונטער איינער פון דעם גראפ׳ס פאמיליע. ער האט זיך זעהר דערפרייט מיט זיין אלטען אידישן גוטן פריינד, און איהם דערצעהלט וועגען דעם אומגליק וואס האט געטראפען די משפחה פון די גראפען. „איבערהויפט ביסטו יעצט געקומען אין א זעהר וויכטיגע מינוט — ענדיגט ער זיינע רייד — דער גראף ליגט שוין קראנק א צייט, און די געוואלדיגע אויסגאבן וואס האט אפגעקאסט פאר די פיעל דאקטוירים און רפואות — האבען שוין לאנג די קאסע פונ׳ם פריץ אויסגעלעדיגט, און מיר האבען יעצט קיין אויסזיכט נישט ווי אזוי פארצוזעצען מיט זיין היילונג״.

ריידנדיג, פיהרט ער איהם צום ערשט צו די גרויסע אוצרות פון וואל וואס האט זיך דורך דער צייט אנגעקליבן און בעט זיך ביי איהם ער זאל די סחורה באלד אפקויפן, וויבאלד ער נויטיגט זיך שטארק אין געלד וועגען דעם פריץ.

„די הארץ טהוט מיר וויי — רופט זיך אן ר׳ זיסל מיט א טרויעריגע שטימע — הערענדיג פון דיר אזעלכע רייד. יעצט — שטעקט ער איהם אויס זיין טייסטער — איז נישט קיין צייט פון האנדל, נעם דיר וויפיל געלט דו בעדארפסט זיך אויף צו ראטעווען דעם קראנקן און דערנאך וועלען מיר זיך שוין אפרעכענען. עס האנדעלט זיך יעצט וועגען א לעבענס־פראגע, און איך קען יעצט נישט קוקן וועגען פארדינסט, איבערהויפט ווען די לאגע איז זעהר שוועהר״.

„ביין, מיין טייערער — ענטפערט ער איהם זייענדיג באריהרט פון ר׳ זיסל׳ס געטריישאפט — מיר זענען זעהר פיעל בעשולדיגט און מיר קענען זיך שוין מער נישט אונטערנעמען אזוי פיהל

חובות. די געלט קען איך ביי דיר נעמען קעגען סחורה. כאטש ווי איך וויס איז די סחורה יעצט ווערד פינף מאהל אזוי פיעל וויפיל דו ועסט מיר יעצט בעצאהלען. דאך, צוליב די שווערע לאגע, וועל איך מיט דער סומע אויך צופרידן זיין״. דערווייל דערצעהלט ער איהם אלס וואס מיט זיי האט פעסירט, דאס דורך אומפארשטענדליכע פאלען זענען די צוויי ברידער, די גראפין, דערמארדעט געווארען, און דער דריטער ברודער, ליגט שוין א חודש צייט מיט געפעהרליכע יסורים, רייבגעלדיג זיך מיטן טויט, און די דאקטוירים האבען איהם שוין לאנג ענטזאגט!

נאך זייער געשפרעך, פיהרט ער איהם באלד אריין צום קראנקן גראף. „הא! ווענמען איך זעה דא פאר מיינע אויגן! — שרייט אויס דער פריץ דערזעהנדיג פלוצלונג זיין אלטען גוטן פריינד — וואס איז מיט דיר געשעהן, מיין פריינד, וואו ביסטו אזוי לאנג געוועזן?״

דער גראף, וועלכער האט זיך מיט זיינע יעצטיגע איבערעש׳טע ווערטער פיעל אנגעשטריינגט, איז צוריק געפאלען צום בעט אהן כוחות. ער האט מער קיין ווארט נישט געקענט ארויסריידן. ר׳ זיסל האט איהם באלד אריינגעגאסן אביסל וויין פון וועלכען ער האט מיט זיך מיטגענומען אהיים פאהרענדיג פון רבי׳ן און דער גראף איז באלד צו זיך געקומען.

„מיין פריינד, דו האסט מיר יעצט געראטעוועט מיט דיין רפואה — האט איהם דער פריץ בעדאנקט נאך זיין קומען צו זיך — וואו האסטו אזא פיינע משקה בעקומען, דו האסט דאך מיר דערמיט ממש מחיה געוועזן״.

„איך האב עס מיט מיר מיטגענומען זייענדיג אין דער שטאט בערדיטשוב״ — איז געוועזן ר׳ זיסל׳ס תשובה.

„וואס, וואס? בערדיטשוב, בערדיטשוב? ———האט זיך דער פריץ א צאפל געטאהן הערענדיג דעם נאמען — דו ביסט עס

אליין געווען אין דער שטאט? און פיליכט קענסטו דעם אידישן ראבין פון דער שטאט?"

"צו איך קען איהם? איך בין ביי איהם זעהר א אפטער אריינגייער — צושמייכלט זיך ר' זיסל — דא נישט לאנג בין איך ביי איהם געווען א לאנגע צייט, און נישט איינמאהל מיט איהם פערזענליך גערעדט!"

"וואס מיינע אויערען הערען! — צעווײנט זיך דער פריץ — און דורך דער גאנצער צייט האב איך עס פון דיר קיינמאהל נישט געהערט. אוי געוואלד! דער ראביך, דער ראבין!"

"און יעצט ביים אידישען ראש־השנה ביסט דו אויך דארט מיט איהם געווען צוזאמען?"

"געוויס!"

"טאמער ווילסטו מיר עפעס דערצעהלן וואס דארט ביים ראבין איז אין דער טאג פארגעקומען — בעדט זיך ביי איהם דער פריץ — האב אויף מיר רחמנות און ערצעהל מיר אלעס וואס דארט איז געווען. דו זאלסט פון מיר גארנישט פערהוילן. דו וועסט שוין שפעטער אליין וויסן פארוואס די זאך אינטערעסירט מיר אזוי".

"וואס הייסט ווי אזוי — וואונדערט זיך ר' זיסל — אזוי ווי שטענדיג ביי א אידישען ראבין, מען דאווענט מיט כוונה, מען זינגט אויך וויפיל מאהל ביים דאווענען א. א. וו."

"און דאס אלעס? — לאזט איהם דער פריץ נישט אפ — און וואס איז געווען ווען ער האט געבלאזען שופר?"

ר' זיסל קען זיך פשוט נישט אפוואונדערען פון זיינע רייד. א גוי, א גראף, א שונא ישראל, אינטערעסירט זיך מיט אזוי גרויס ערענסקייט וועגען תקיעת שופר און נאך ביים רבי'ן! ער זעהט אבער אז זיין אינטערעס איז זעהר גרויס און קען איהם נישט אפזאגען נאך אזוי פיהל געבעט, הויבט ער איהם ערצעהלען אין קורצן פערשידענע זאכן וואס איז פארגעקומען. "ניין, ניין! —

פלעגט ער איהם שטענדיג זאגען ווען ער האט געזעהן אז ר׳ זיסל ענדיגט שוין זיך ערצעהלונג — דאס איז נאך נישט אלעס. איך בעט דיר ווידער, זאלסט מיר אלעס דערצעהלען, נישט פערהוילען פון מיר קיין זאך!״

ר׳ זיסל האט אבער באלד פערשטאנען אז עס איז נישט קיין פשוט׳ע זאך, און הויבט איהם אן דערצעהלען פונקטליך אלעס וואס אין יענער שטיקל צייט, פון שופר־בלאזען, האט פאסירט. „און דאס איז שוין אלעס?״ — פרעגט איהם דער פריץ איינערקענענדיג אין זיינע רייד אז ער האט איהם שוין מער נישט וואס צו אנטפלעקן.

„יא, אלעס וואס איך וויס האב איך דיר שוין ערצעהלט״ — ענטפערט איהם ר׳ זיסל.

„אויב אזוי — רופט ער זיך אן — וועל איך דיר ערצעהלן וואס עס האט ווייטער פעסירט״.

„וויסן זאלסטו, מיין פריינד — הויבט ער אן זיך ערצעהלונג — דאס די מכשפים און רשעים וואס דער רבי האט דורך דער גאנצער צייט דערמאנט, זענען נישט קיין אנדערע ווי אונז דריי ברידער. מיין אינגסטער ברודער, מיין צווייטער ברודער, דער עלטערער, און דער דריטער בין איך אליין!״

ר׳ זיסל בלייבט זיצן, נישט עפענענדיג זיך מויל פון גרויס ערשטוינונג. ער קוקט ארום איהם צו זעהן אויב עס איז א חלום אדער טאקע וואכעדיג. דער פריץ לאזט איהם אבער נישט טראכטן צו פיעל, און זעצט פאהר זיינע רייד:

„מיר ברידער זענען געווען דריי גרויסע מכשפים וועלכע מיר קומען ארויס פון א פאטער א איד, וואס האט זיך פארפרעמדעט צו זיין פאלק און איז אליין געווארען א גרויסער שונא ישראל — צוליב זיין ווייב, אונזער מאמע, וואס האט איהם שטענדיג געהעצט קעגען אידן. איבערגעטיפט אונז, האט זי פון קינד־ווייז אהן איינגעווארצלט א געפערליכע גיפט קעגען אידישן פאלק, און

בעקומענדיג אזא ערציהונג, זענען מיר, ווי פערשטעהסט זיך, געווארען גרויסע שונאי ישראל״.

„ענדליך, איז אונזער פאטער יונג אפגעשטארבען, און ווען איך בין נאך געוועזען יונג איז די מאמע אויך געשטארבען. פאר איהר שטארבען האט זי מיר צוגערופען צו איהר טויטע־בעט און מיר אנגעזאגט: „הער אויס מיין קינד! דו ביסט מיין עלסטער זון און דערפאר פערטרוי איך דיר אלעס וואס איך וועל דיר יעצט זאגען. וויסן זאלסטו דאס אייער פאטער איז געשטארבען אזוי יונג דורך אידען, אויך איך שטארב יעצט צוליב געוויסע פערשמוצטע אידען, און אויך אונזער פארמעגען זענען דורך זיי פערלענד געווארען״.

„פערשטעהסט זיך — זעצט דער גראף פאהר זיינע רייד — דאס מיין בלוט האט אין מיר אנגעהויבען זידען,הערענדיג אזעלכע רייד. פרעג איך איהר אויפגעקאכט: נו, איז וואס זאל איך דערצו טאן? „דערפאר האב איך דיר טאקע גערופען — ענטפערט זי מיר זעהר ערנסט — איך וויל אז דו זאלסט מיר צו שווערען, דאס דו וועסט פון די דושידעס זיך נוקם זיין, דאן וועל איך וויסן אז איך קען שטארבען רוהיג!״ ווען איך האב איהר דערויף צוגעזאגט, האט זי באלד ארויסגענומען א קליין גאלדערנעם קעסטאלע, פון דארט האט זי ארויסגענומען א פערחתמ׳טן בריעף און האט ע סמיר איבער געגעבען און געזאגט: „וויסן זאלסטו, מיין קינד, דאס די קעסטאלע איז אזא זאך וועלכע דורך איהר וועסטו מיט דיינע ברידער קענען נוקם זיין אונזער בלוט פון זיי. ווען איהר וועט דאס קעסטאלע עפענען וועט איהר שוין אליין וויסן וואס דערמיט צו טאהן. נאר אזוי ווי דאס טארט איהר יעצט נישט עפענען ביז דיין אינגסטער ברודער וועט האבען פוהלע 20 יאהר, דאס הייסט, ווען דו וועסט שוין אלט זיין 23 יאהר, דערפאר

געטרוי: איך עס נאר דיר אז דו וועסט פונקטלִיך ערפיהלן מיינע רייד ווי איך בעט דיר״.

„געדענק, זאלסט דעם קעסטאלע נישט עפענען פאר דער צייט וואס איך האב דיר געזאגט. און ווען די צייט וועט קומען, זאלט איהר זיך צוזאמענקלויבן ביי אייער אינגסטן ברודער, דאן וועט איהר דאס קעסטאלע עפענען און טאהן דערמיט ווי אין בריעף איז געשריבן. דעם בריעף, אבער, דארפסטו מיט 6 חדשים פריער עפענען, דארט וועסט זעהן געשריבן אלעס וואס דו דארפסט דורך דער צייט טאהן״.

„ווען זי האט מיר אלעס געענדיגט איבערגעבען — דערצעהלט ווידער דער פריץ — איז זי באלד צוזאמענגעפאלן צום בעט א טויטע. דאן בין איך אויף איהר טויטען קערפער ארויפגעפאלען און נאכאמאהל געשווארען וועגען מיין נקמה נעמען אין אידן, אזוי ווי זי האט מיר אנגעזאגט״.

„כאטש די נקמה האט אין מיר געברענט, דאך האב איך זיך געמוזט איינהאלטען, לויט מיין צוזאג, און געמוזטווארטען די יאהרען זאלען זיך אונטער רוקן. ווען די צייט איז ענדליך אנגעקומען, האב איך זיך פערשלאסן אין א בעזונדער צימער, קיינער זאל זיך נישט געפינען ביים עפענען דעם בריעף, און אין דער בריעף איז געווען געשריבען אלעס ווי אזוי זיך צופיהרן אין די קומענדיגע 6 חדשים. דארט איז אויך געווען בעצייכנט א געוויסען ארט וואו עס געפינען זיך פערשידענע ביכלאך, וואס אין זיי האבען מיר געמוזט דורכלערנען ביז ענדע די 6 חדשים. מיר האבען זיך פעסט גענומען צו די לימודים, און אין זיי פיהל געהארעוועט. אפלערנענדיג זיי, זענען מיר אלע דריי געווארען גרויסע מכשפים, וואס זעהר ווינציג זענען געווען וועלכע האבען זיך געקענט פארמעסטן מיט אונז אין כשוף״.

„די 6 חדשים האבען זיך געענדיגט אנפאנג אידישען יאהר,

ראש־השנה. מיר האבען אין דער טאג פארלעגט אונזערע גרעסטע קרעפטען, ווייסענדיג אז דער טאג איז דער פעסשטעלונג אין אונזער ארבעט. מיר האבען געשטרעבט נאכצופאלגען פונקטליך ווי עס ווערט געברענגט אין בריעף און אין די כתבים. געוואוסט האבען מיר גאנץ גוט, דאס ווי גרויס אונזער כח, אזוי איז קעגען אונז, און נאך אין א גרעסערען אופן, פאראן א ביטערער געגנער ביי אידען, דאס איז אייער אידישער ראבין, וועלכע קעגען איהם וועלען מיר מוזן פיהרן דעם גרעסטען און ביטערסטן קאמפף. ווייסענדיג פון דעם אלעס, האבען מיר זיך דערפאר זעהר פיעל צוגעגרייט צו דער מלחמה".

„מיר האבען זיך צוזאמענגעקליבן ביים אינגסטען ברודער, דארט האבען מיר דורך כשוף, געוואלט פיהרען אונזער קאמפף אין אנפאנג מיט דעם ראבין, און נאכער ווייסענדיג אז מיר האבען קיין רעכטע שטערונג נישט פאר אונז, וועלען מיר זיך נעמען ווייטער. מיר האבען אונז צו הילף גענומען דעם שטן אליין, וועלכע דאן פערלעגט ער זיך מיט זיינע גרעסטע כוחות געגען אידישן פאלק. ווי איהר ערנע ווענט האבען מיר זיך קעגען די אידישע תפלות אוועק געשטעלט און די נישט געלאזט דורכגעהן צום ריכטיגן ארט. אין צווישן איז געווארען א גרויסער רעש. דאס איז געווען דאן ווען דער ראבין האט זיך געגרייט צום שופר בלאזען. זייענדיג גרייט דערצו, האבען מיר דאן פארלעגט אונזערע גרעסטע קרעפטען. מיר האבען געוואוסט אז דער יעצטיגער קאמפף איז גארנישט קיין אייגפאכע און אין דעם ווענדעט זיך אונזער ארבעט".

„פלוצלונג, שטעהענדיג אזוי און זיך צוגעהאלטען איינער מיט דעם צווייטן, איז דער אינגסטער ברודער אנידערגעפאלען. אין אנפאנג האבען מיר געדענקט אז דאס איז פון גרויס שלאפקייט און מיה. מיר זענען אבער באלד איבערצייגט געווארען אז ער

איז שוין טויט, און דאס איז דורך דעם גרויסן כח פון דעם אידישן ראבין״.

„אין אנפאנג — זעצט דער פריץ פאהר זיינע רייד צו ר׳ זיסלין זיצנדיג מיט א אפענעם מויל און שלינגט יעדערווארט וואס געהט ארויס פונ׳ם גראפ׳ס מויל — צוזעהענדיג זיין טויט, האט אונז אנגעהויבן ארומנעמען א שוואכקייט אין אונזער גרויס מיה. עס האט אונז אבער פאהרט געטרייסט די זאך וואס נאר דער אינגסטער ברודער איז געפאלען, וואס זייענדיג דער קלענסטער און שוואכסטער ברודער, האט ער זיך נישט געקענט אזוי שטארק קעגענשטעלן״.

„דער ראבין, דער עקשן, האט אבער נישט אפגעלאזט. ער האט ווידער אנגעהויבן בלאזען שופר, און דערהרגעט מיין צווייטען ברודער, וועלכער איז אויך באלד אויפן ארט א טויטער אנידער־געפאלען. דאן בין איך ערשט געבליבען אליין, און איך האב זיך געשטארקט מיט אלע כוחות קעגען איהם. איך בין אבער אויך באלד אנידערגעפאלען, בלייבענדיג א קאליקער, אהן פיס, אבער דער לעבען איז ביי מיר געבליבן. אזוי נאך זעגען מיר געפאלען אין אונזער קאמפף קעגען דעם גרויסען און שטארקען אידישן פאלק, טראץ אונזערע גרויסע כוחות״.

„און טאמער גלויבסטו מיר נישט — ענדיגט ער זיין אינטרעסאנטע ערצעהלונג און הויבט אויף די דעקע אין וועלכע ער איז געווען צוגעדעקט — גיב א קוק אויף מיין קערפער וועסטו איבערציינט ווערען אין די ריכטיקייט פון מיינע רייד!״

„און יעצט, פערשטעהסט דו אליין, דאס איך קען שוין מער דעם קעסטאלע נישט האלטען ביי מיר אין רשות, און וויל עס דיר אוועק געבען, צוזאמען מיט דער ספר־תורה׳לע וואס אין איהר, און איך בעט דיר דו זאלסט זיין מיין שליח און דעם קעסטאלע דיין גרויס ראבין אוועק געבען אלס מתנה!״

## פרק ט״ז

ווי א געשמידטער אין קייטן איז ר׳ זיסל געבליבן זיצן. אלע רעטענישן זענען איהם אויף איינמאהל אנטפלעקט געווארען, און נאך אין אזא אומגעריכטן אופן! מער פון אלעס האט איהם בענומען די לעצטע ווערטער פונ׳ם פריץ וועלכער בעט איהם ער זאל אוועק נעמען די ספר־תורה אלס מתנה פאר זיין רבי׳ן. עס דערמאנט זיך איהם באלד דעם רבי׳נס רייד וועגען דער מתנה: „נישט קיין גאלדערנע אדער זילבערנע מתנה — העכערס, העכערס...״ און צו דען איז נאך פאראן א העכערס מתנה ווי דאס?

ר׳ זיסל האט זיך אין דער מאמענט געפונען אין א שווערער מצב. האט געהט מען איהם איבערגעבען אין זיינע הענט אזא הייליגע זאך, אזא הייליגע ספר־תורה, עזרא הסופר׳ס ס״ת. „צו דען בין איך ראוי אזא זאך אין מיינע הענט איבערצונעמען?״ — טראכט ער צו זיך אליין.

„איך בעט דיר — רופט זיך ווידער אפ דער פריץ — קוק זיך ארום אויב מען האט שוין די סחורה פאר דיר אנגעלאדענט, און קום צוריק איבערנעמען דעם ספר, וואס שנעלער, איך פיהל אז מיין צייט איז זעהר קורץ...״

ר׳ זיסל הויבט זיך קוים אויף מיט א געמישטע קאפ, און איז צוגעגאנגען זעהן וואס מיט דער סחורה הערט זיך, כאטש די גאנצע זאך האט איהם שוין יעצט איבעהויפט נישט אינטערעסירט. ווען עס איז שוין אלעס געווען אנגעלאדענט, האט ער באלד בעפוילן אלע בעלי־עגלות זיי זאלען מיט דער סחורה אוועק פאהרען, און ער איז אריין צוריק צום גראף.

אריינקומענדיג, האט ער באלד באמערקט אויף איהם זעהר א שטארקע ענדערונג, וואס איז ווי עס ווייזט אויס, געקומען דורך זיין אנשטרענגונג און איבעראשונג. ר׳ זיסל האט באמערקט ווי ער

וויל נאך צו איהם עפעס רײדן. נאר זײנע כוחות האבען איהם צוביסלעך אפגעלאזען, ביז ער איז געשטארבן. אין אנפאנג האט ער זיך אביסל דערשראקען, דערזעהענדיג דעם מצב פון דעם קראנקן, מײנענדיג אז מען וועט איהם נאך בעשולדיגן מיט זײן טויט. ער האט דערפאר, ווען ער האט נאך אביסל געלעבט, באלד צוגערופן עטליכע לייט וואס האבען זיך אין הויף געפונען, אנווייזענדיג זיי אויף דעם ערגסטן מצב פון דעם קראנקען.

אין עטליכע שעה ארום, האט ער מיט גרויס שרעק און פארכט געגומען דעם קעסטאלע וואס איז דארט געשטאנען און האט זיך געגרייט ארויס צו גיין. די וואס זענען דארט געווען, וויסענדיג אז דער גראף האט איהם דער זאך אוועק געשענקט, האבן איהם עס אויך ערלויבט מיט נעמען, און איהם זעהר בעדאנקט פאר זײן גוטע הארץ און געטריישאפט פאר דעם קראנקען. און האבן איהם מיט גרויס כבוד אוועק געשיקט.

ר׳ זיסל, האלטענדיג מיט זיך די הייליגע ספר־תורה, האט זיך באלד ארופגעזעצט אויפן וואגן, וועלכער האט די גאנצע צייט אויף איהם אין דרויסן געווארט, און איז באלד אוועק געפאהרן. ער האט אין אנפאנג געקלערט, באלד אוועק פאהרן צום רבי׳ן מיט דער גרויסער מתנה. ער האט זיך אבער בארעכנט צום ערשט אהיים צופאהרן, דארט וועט ער פארברייטן א גרויסן מאהלצייט און פאר אלעמען ערצעהלן אלעס וואס מיט דעם ספר האט פאסירט, איבערהויפט וועגען דעם גרויס קטרוג וואס איז צוליב דעם געווארן, געפינענדיג זיך ביי די גרויסע מכשפים, און ווי אזוי דורך דעם כח פונ׳ם הייליגן רבי׳ן איז ביי היינטיגן טאג דער הייליגער ספר פון זיי ארויסגעראטעוועט געווארן.

א געוואלדיגע שמחה, אויסגעמישט אין א טיפע שרעק, האט ר׳ זיסל׳ן ארומגענומען פאהרנדיג אויפן וועג. יעדער מינוט וואס דער וועג האט איהם געדויערט, האט זיך ביי איהם געדאכט ווי

יאהרן, ביז ער איז ענדליך אין זיין שטאט אנגעקומען. אהיימקומענדיג, האט ער באלד אינ׳ם גאנצן געגענט געלאזט וויסן וועגן דער גרויסע מאהלצייט וואס ער גרייט צו פאר טויזנטער מענטשן, דארט וועט ער פאר אלעמען דערצעהלן אינטערעסאנטע זאכן וואס האט לעצטענס פאסירט.

אויפמארגען האבן זיך צוזאמענגעקליבן טויזנטער מענטשן, און האט פאר זיי אלעמען דערצעהלט אלעס וואס האט מיט דעם הייליגן ספר געטראפן און ווי אזוי יעצט אין דער מאמענט געפינט זיך עס ביי איהם. אין דער שטיל האט ער געלאזט וויסן צו נאך ביין מענטשן, זיינע גאר נאהנטע, דאס דעם מארגענדיגען טאג, דאנערשטאג, וועט ער אין דעם ספר ליינען די קריאה פון דער וואך. די איבעראשונג ביי די גערופענע איז ווי צו פערשטעהן געווען זעהר גרויס. זיי האבן די נאכט א אויג בישט צוגעמאכט, ווארטענדיג דער מארגען־שטערן זאל אויפקומען.

פארטאג זענען זיי שוין אלע צוזאמענגעקומען ביי ר׳ זיסל׳ן אין שטוב, דארט איז ער שוין געזעסן און אויסגעווארט אויף דעם מנין. גרויס איז געווען דער התלהבות ביי יענעם דאווענען, און יעדערער האט זיך געשעצט גליקליך דאס באלד וועט ער זוכה זיין צו זעהן דעם הייליגן ספר און הערען דערפון די קריאה פון דער וואך. ווען ר׳ זיסל, דער בעל־תפלה, איז צוגעקומען צו „ויהי בנסוע״ פארן ליינען, האט זיך אוף איהם, ווי אויך אויף אלע אנוועזנדע בעוויזן א גרויס התרגשות. מיט ציטערדיגע טריט און א אפגעהאלטענעם אטעם איז ר׳ זיסל צוגעגאנגען צום ארון קודש, ווען אלעמעס בליקן ווענדען זיך נאר צו איהם, און פון דארט דעם ספר׳ל ארויסנעמען.

„ויהי בנסוע הארון״ — דערהערט זיך א טרייסלדיגע שטימע פון דעם בעל־תפלה ווען ער איז שוין געשטאנען ביים ארון, לאנגזאם און מיט גרויס הכנעה האט ר׳ זיסל צוביסלעך אנגעהויבן

ארופלייגענדיג די האנט אויף דעם הענטל צו עפענען די טיהר. ווי איז ער אבער ערשוינט געווארען, ווען ער האט געעפנט די טיהר און מ׳האט דעם קליין ארון־קודש׳ל מיט דער ספר־תורה נישט געטראפען אויפן ארט!

ר׳ זיסל איז באלד אויפן ארט אנידערגעפאלן פערחלש׳ט, און נאך פיהל מיה האבן איהם די אנוועזענדע געקענט דערמינטערן. ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער באלד פערשטאנען אז עס איז גאר קיין פשוטע זאך. ער איז ביי זיך זיכער געווען אז קיינער האט אין דער גאנצער צייט וואס דער ספר איז ביי איהם געווען, נישט צוגעריהרט זיך צו דעם ארט פון ארון־קודש, און ער אליין האט פון דארט אויך אויף איין ווילע נישט אפגעטראטן. ער איז ביי זיך געוואהרן זעהר צובראכן און נישט געוואוסט פאר זיך קיין עצה וואס צוטאן דערויף.

ענדליך האט ער בעשלאסן ער זאל באלד אריבער פאהרן צום רבי׳ן און איהם דערצעהלן אלעס וואס האט מיט דעם ספר פאסירט, פון זיין אוועק פאהרן באלד נאך יום־טוב פונ׳ם רבי׳ן, ביז דער ספר איז ביי איהם אין האנט געקומען און ווי אזוי עס איז אין אזא אומפארשטענדליכער אויפן פערשוואונדן געווארען. ער האט באלד אזוי געטאהן, און דעם רבי׳ן ערצעהלט אלעס וואס איז פארגעקומען.

„שרעק זיך נישט מיין קינד — האט איהם דער רבי קוים בערוהיגט — עס איז פון מיר גאר נישט פערהוילן ווי אזוי דו האסט מיר די גרויסע מתנה געוואלט שענקען. נאר וויסען זאלסטו, זיסל, דאס צו גרויס איז געווען דער אחריות דעם הייליגן ספר אפצוהיטן. נישט קיין אנדערער ווי עזרא הסופר אליין האט זיין פארמעגן פארזיך צוגענומען, און דורכדעם פערמידט נאך פערשידענס וואס האט מיט דעם ספר געקענט טרעפן!״

„און יעצט, מיין טייערער — האט דער רבי געענדיגט זיינע

רייד — קענסטו רוהיג אהיימפאהרן און בארוהיגן די וועלכע זענען געווען בשעת מעשה און דורך דעם גרויס ערגעריִשט געהאט. יעצט, ווען פאר דיר איז שוין אנטפעלקט אלעס וואס איז מיט דער זאך פארגעקומען, קענסטו רוהיג בלייבן אין שטוב, דינען דעם אויבערשטן מיט הרחבת הדעת אהן קיינע שטערונגען און השי״ת זאל דיר בעגליקן אין אלעס״.

* * *

ערשט דאן האט ר׳ זיסל זיך געזעגנט מיטן רבי׳ן, און איז אהיימגעפאהרן, וויסענדיג אז די ברכות פוּנ׳ם רבי׳ן בעשיצן איהם אין זיינע אלע וועגען.

## ע נ ד ע